STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01668

AN ENTFER

Aharon Rozmarin

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Harold & Ethel Ollin
in memory of
Murry & Sarah Ollin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַן ענטפער

(צו דער פּאָלעמיק אַרום דעם
אידישען טעאָלאָגישען סעמינאַר)

פון
אהרן ראָזמאַרין

ISBN:0-657-01668-3
Old Call No.,97-7v.
157

ניו־יאָרק, תש"ג

ביכער פון דר. אהרן רוזמארין

לכבוד שבת

אייגענאַרטיגע געדאַנקען אויף אַלע פיער און פופציג סדרות, און אויף מאַנכע ימים טובים, וואָס שפרודלען מיט תורה און חכמה פון אונזערע חכמים, גאונים און גדולי התורה ז״ל, און אַנטהאַלטען הונדערטער אויסערגעוויינלאַך אינטערעסאַנטע עפּיזאָדען פון גדולי ישראל, משלים, מאמרי חז״ל און גלאַט גוטע ווערטלאַך.

„...עס האָט אַלע פאָלקסטימליך־רעליגיעזע חן׳ען...״

דר. א. מוקדוני

„...דורכגעפלאָכטען מיט טרעפליכע מעשיות, צוגעפּאַסטע אַנעקדאָטען און גלייכווערטלעך... האַלט דעם לייענער געשפּאַנט...״

יעקב גלאַטשטיין

„...אַ ספר אָנגעפיקעוועט מיט מעשה׳לעך ווי אַ מילגרוים מיט קערנער...״

חיים ליבערמאַן

„...אַן אוצר פון מאמרי חז״ל, מעשיות, משלים און גלייכווערטלעך ...אַ שלל מיט אויסטייטשען און חסידישע מאמרים...״

א. פעטשעניק

„...דאָס בוך הייסט טאַקע „לכבוד שבת״, אָבער עס וואָלט באַדאַרפט הייסען „לכבוד אַלע טעג פון דער וואָך״...ווייל וועלכען טאָג אין דער וואָך איר זאָלט דאָס בוך לייענען, וועט איר דערפיהלען דעם הויך פון שבת׳דיגקייט...״

אהרן ניסענזאָן

* * *

די שעהנקייט פון אידענטום

דאָס בוך באַהאַנדעלט אויף אַ פּאָפּולערען אופן אַזעלכע וויכטיגע און אינטערע־סאַנטע טעמעס ווי וואָס די אידישע לעהרע האָט צוזאָגן וועגען: אמת און ליגען, אויפריכטיגקייט און חנופה, לשון הרע, ליבשאַפט און פיינדשאַפט, רחמנות און גרויזאַמקייט, גמילות חסד און פּראָצענט, צדקה, פאַרגעניגען און מקנא זיין, רעספּעקטירען און באַליידיגען, באַשיידענהייט און חוצפּה, געדולד און אויפרעגונג, אייניגקייט און צעשפּליטערטקייט, בילדונג און עם הארצות, לעהרער און פיהרער, אַרבייטער און אַרבייטס־געבער, די פּרוי, שלום און מחלוקת, דעמאָקראַטיע און נאָך וויכטיגע טעמעס.

„...דאָס בוך איז וואַרים און מיט באַגייסטערונג געשריבען... און די וואַרימקייט פאַרכאַפּט אייך, און ציהט אייך אריין אין אַ וועלט פון ברודער־ליכקייט, פון ליבע, רחמים און מענשליכקייט...

דר. ראָזמאַרין לייגט אויס סיסטע־מאַטיש די גאַנצע אידישע עטיק... און דער לייענער באַקומט אַ קלאָרען און פולען באַגריף וועגען דעם מהות פון דער אידישער עטיק...״

דר. א. מוקדוני

„...זייענדיג אַ בקי אין אידי׳שען וויסען און אין אידישער טראַדיציע, אַזוי גוט ווי אין וועלטליכען וויסען, און זייענדיג אַ שריפטשטעלער מיט אַ היבשער מאָס פון פּאָעטישער אויפפאַסונג פון לעבען, האָט דער מחבר אַרויסגענומען דאָס שעהנסטע און דאָס תמציתדיגע פון דער אי־דישער לעהרע און אידישער וועלט־אַנשויאונג, און אויפגעשטעלט אַ בנין אין אַ פשוט׳ער, זאַפטיגער אידישער פאָלקס־שפּראַך, וואָס פאַרכאַפּט אייך מיט זיין שעהנקייט...״

אהרן ניסענזאָן

„...אויף אַ זעהר פּאָפּולערע, לייכט פאַרשטענדליכען אופן גיט איבער דער פאַרפאַסער די וויכטיגסטע מאָראַלישע לעהרעס פון אידענטום...״

חיים ליבערמאַן

PRINTED IN THE U. S. A. BY

SINAI OFFSET CO., 34 Hubert Street, N. Y.

אַן ענטפּער

(צו דער פּאָלעמיק אַרום דעם שעכטער־סעמינאַר)

אָנהויב לעהר־זמן פון יאָהר תש״ב האָט דער אידישער טעאָלאָגישער סעמי־נאַר, באַקאַנט אַלס „שעכטערס סעמינאַר״ אויפגענומען עטליכע נייע פּראָפעסאָרען. זונטאָג כ״ח תשרי, תש״ב (אָקטאָבער 19, 1941) איז געפייערט געוואָרען דאָס איבערנעמען די קאַטעדרעס דורך די נייע לעהרער. דער הויפּט רעדנער פון דעם אָוועגט איז ניט געווען אַ גרויסער גאון, אָדער אַזוי אַ תלמיד חכם, ווי עס פּאַסט פאַר אַ סעמינאַר פאַר ראַבאַיס. ניין. דער הויפּט רעדנער איז געווען פּראָפעסאָר דזשאָן א. מאַקקיי, איינער פון די הויפּטפיהרער פון דער פּרעסבעטעריאַנער מיסיאָנערישער באַוועגונג. ער איז אַ פּרעסבעטעריאַנער גלח, סעקרעטאַר פון דעם „באָארד אָף פאָרעין מישאָנס אָף דהי פּרעסבעטעריאַן טשוירטש״, טשערמאַן פון „יוניווערסיטי קריסטשאַן מישאָן״.

און וואָס אַ שטייגער האָט דער מיסיאָנער מאַקקיי געזאָגט די סעמינאַר פּראָפעסאָרען, די תלמידים, נעמליך די צוקונפטיגע ראַבאַיס, און די געלאַדענע געסט, אַ פּלפּול? אָדער אַזוי עפּעס אַ שטיקעל תורה? חס וחלילה! ער האָט אַפּעלירט אַז די אידען זאָלען אָננעמען יעזוסין, אברהם אָבינו׳ס אויסדערוועהלטען זוהן!

און ווי עס ווייזט אויס האָט פּראָפעסאָר לואיס פינקעלשטיין, פּרעזידענט פון דעם סעמינאַר, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען צו פאַרשפּרייטען אידישקייט לויט תנ״ך און תלמוד, זיך ניט גענומען שטאַרק צום האַרצען דעם „אַפּיל״. האָט דאָך דער זעלבער מיסיאָנער אַ שטיקעל צייט שפּעטער נאָך אַמאָל גערעדט אין דעם „אינסטיטוט אָף רעלידזשאַס סטאַדיס״, וואָס פּראָפעסאָר פינקעלשטיין האָט געגרינדעט אין דעם סעמינאַר.

האָט מיין ווייניגקייט פאַרעפענטליכט אין דעם „דזשואיש ספּעקטייטאָר״, יאַנואַר 1942, אַן אַרטיקעל: „ווערט דער אידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר פון אַמעריקע אַ נעסט פאַר מיסיאָנערען?״ אין דעם אַרטיקעל האָב איך אַנגע־וויזען אַז זינט פּראָפ. פינקעלשטיין איז געוואָרען דער לייטער פון „שעכטערס סעמינאַר״ איז דער דאָזיגער לעהר־אַנשטאַלט פאַר ראַבאַיס געוואָרען געוויסערמאַסען אַ געפאַהר פאַר דעם אַמעריקאַנער אידענטום. ווייל ווען מען

עקזאַמענירט פּראָפּ. פינקעלשטיינס ביכער און אַרטיקלען, פּאַלט אַ חשד אַז זיין האַנדלונג איז ניט גלאַט אַ צופאַל, נאָר עפּעס אַ מין סיסטעמאַטישער פּראָצעס צו געפינען חן אין די אויגען פון דער גוי׳איש־טעאָלאָגישער וועלט אויף דעם חשבון פון די אידישע לעהרעס.

די איינטריטס־קאַרטע אויסצונעמען ביי די גוים איז אָדער צו אונטער־מיניווען אונזער טויזענדער־יאָהר אַלטע גייסטיגע פעסטונג, געמליך, דעם תנ״ך און דעם תלמוד פאַר וועלכע הונדערטער טויזענדער אידען האָבען בוכשטעבליך מקריב געווען זייערע לעבענס, אָדער צו לויבען און „שפּרינגען קדוש" פאַר דעם קריסטענטום. און אַזוי ווי אין צווייען איז שטאַרקער, באַנוצט זיך פּראָפּ. פינקעלשטיין מיטביידע מיטלען. ער מאַכט אַש און בלאָטע פון אונזערע גייס־טיגע אוצרות, אַ דאַנק וועלכע מיר עקזיסטירען אַלס אידיש פאָלק, און זינגט גלייכצייטיג שירה צום קריסטענטום.

אַנגעהויבען האָט ער מיט אַפּלייקענען דעם טראַדיציאָנעלען אורשפּרונג פון סוכות אין אַן ענגלישען אַרטיקעל „די פּרושים" [1]). און אַזוי ווי זיין אַרטיקעל איז ערשיענען אין דעם „האַרוואַרד טעאָלאָדזשיקעל רעוויו" [2]) וואָס ווערט אַרויסגעגעבען פון דעם האַרוואַרד גלחים־סעמינאַר, דאַרף מען דאָך שוין אין איין וועגס „אַריינרייבען" אונזערע תנאים. גיט ער דאָרט אַ שרייב ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי:

„רבי אליעזר בן הורקנוס און רבי טרפון זיינען געווען באַזונדערס פּראָ־מינענט דורך דעם וואָס זיי האָט גע־פעהלט ראַפינירטקייט. רבי אליעזר בן הורקנוס איז געוואוינט געווען צו שעלטען מיט פינצטערע קללות די יע־ניגע וועלכע האָבען ניט איינגעשטימט מיט איהם... אויף דעם זעלבען אופן האָט רבי טרפון געליטען פון דער אונאויסהיילבאַרער געוואוינהייט צו שעלטען זיינע קינדער" [3]).

"R. Eliezer ben Hyrkanos and R. Tarfon were particularly noted for their lack of refinement. R. Eliezer ben Hyrkanos was wont to utter lurid curses against those who happened to disagree with him.... In the same way R. Tarfon had an incurable habit of cursing his children."

---

1) חעגען דעם זעה מיין אַרטיקעל „אַ ׳האָלד אַפּ׳ אויף סוכות" אין „מאָרגען זשורנאַל", סעפּטעמבער 28, 1934.

2) באַנד 22, נומער 3, יולי, 1929, זייט 192—191.

3) עס איז כדאי צו באַמערקען אַז „מקפח את בניו" איז אַ שבועה ניט קיין קללה ווי פּראָפּ. פינקעלשטיין טייטשט, אבזיכטליך אָדער אויס אונוויסענהייט. זעה: בבא מציעא פ״ה, א און רש״י דאָרט; יאסטראָוו׳ס ווערטער בוך אונטער דעם וואָרט „קפח".

אַט דער רבי אליעזר בן הורקנוס וועלכער האָט אַלס אַכט־און־צוואַנציג יאָהריגער בחור פאַרלאָזען זיין פאָטער׳ס רייכע און לוקסוסדיגע הויז און אַוועק צו רבי יוחנן בן זכאי לערנען תורה, און געליטען נויט, הונגער און קעלט אַבי צו לערנען[3*]; אַט דער רבי אליעזר בן הורקנוס וועלכער איז געוואָרען אַזוי גרויס אין לערנען אַז רבי יוחנן בן זכאי האָט אויף איהם געזאָגט אַז ער איז „ווי אַ קאַלך־גרוב וואָס פאַרלירט ניט קיין טראָפּען, און ווען מען זאָל אַרויפלייגען אַלע חכמי ישראל אויף איין וואָגשאָל און רבי אליעזר בן הורקנוס אויף דער צווייטער וואָגשאָל וואָלט ער זיי אַלע איבערוועגען[4]; דער תנא רבי יהושע האָט געקושט דעם שטיין אויף וועלכען רבי אליעזר בן הורקנוס פלעגט זיצען און דרש׳ענען, און ער האָט געזאָגט אַז דער דאָזיגער שטיין איז גלייך צום באַרג סיני, און דער וועלכער איז אויף איהם געזעסען איז גלייך צום ארון הברית[5]; אַט דער רבי אליעזר בן הורקנוס וועגען וועמען עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ בת קול און האָט געזאָגט אַז די הלכה איז אומעטום ווי ער[6]; אַט דער רבי אליעזר בן הורקנוס וועלכער האָט זיך אויפגעפיהרט ווי זיין רבי, רבי יוחנן בן זכאי, נעמליך, ער האָט שטענדיג געלערנט, ניט גערעדט קיין שיחת חולין, איז שטענדיג געווען דער ערשטער און דער לעצטער אין בית המדרש, און אַזוי ווייטער[7]; אַט דער רבי אליעזר בן הורקנוס, אויף וועמענס טויט דער גרעסטער תנא רבי עקיבא האָט ביטער געוויינט, צעריסען די קליידער און זיך געריסען די האָר פון קאָפּ ביז דאָס בלוט איז גערונען[8]; אַט דער רבי אליעזר בן הורקנוס, וועלכער איז געווען רבי עקיבא׳ס רבי און די גמרא רופט איהם רבי אליעזר הגדול[9]; אַט דער רבי אליעזר וועלכער האָט געזאָגט: דער כבוד פון דיין חבר זאָל דיר זיין אַזוי ליעב ווי דיין כבוד, און דו זאָלסט ניט ווערען לייכט אין כעס[10]; וועגען אַט דעם רבי אליעזר האָט ראַבאַי פינקעלשטיין צו זאָגען אין ענגליש ניט מעהר נאָר אַז ער איז געוואוינט געווען צו שעלטען מיט פינצטערע קללות די יעניגע וועלכע האָבען ניט איינגעשטימט מיט איהם!

און אַט דער רבי טרפון, אויף וועמען רבי יהודה הנשיא האָט געזאָגט אַז ער איז געווען אַ „גל של אגוזים" — ווי אַ הויפען ניס, — פּונקט ווען מען נעמט אַרויס איין נוס הויבען אַלע ניס זיך אָן צו קאַטשען, אַזוי אַז ווען אַ תלמיד חכם האָט איהם עפּעס געפרעגט האָט ער געשאָטען אָהן אַ שיעור ראיות פון

3*) פרקי דרבי אליעזר פרק א.
4) פרקי אָבות ב, יא—יב.
5) שיר השירים רבה פרשה א, פסוק ג.
6) בבא מציעא נט, ב.
7) סוכה, כח, א.
8) אבות דרבי נתן פרק כה ; זעה אויך סנהדרין סח, א.
9) סוטה מח, ב.
10) פרקי אבות ב, טו.

תנ״ך, משנה, מדרש, הלכות און הגדות [11]); אָט דער רבי טרפון, רבי מאיר׳ס רבי [12]), וועלכער האָט געגעבען זיין חבר רבי עקיבא פיער טויזענט רענדלעך ער זאָל איהם קויפען אַ שטאָדט, און רבי עקיבא האָט צוטיילט דאָס געלד צווישען אָרימע לייט, מיט אַ צייט שפעטער פרעגט איהם רבי טרפון „וואו איז די שטאָדט וואָס האָסט מיר געקויפט?״, פיהרט איהם רבי עקיבא אריין אין בית המדרש און הייסט די קינדער זאָגען תהלים, וועז זיי זיינען געקומען צום פסוק „פזר נתן לאָביונים״ [13]) — ער האָט עס צוטיילט צווישען אָרימע לייט — האָט רבי טרפון געקושט רבי עקיבא׳ן און אויסגערופען „דו ביסט מיין רבי אין חכמה, און מיין האָר אין דרך ארץ״, און האָט איהם געגעבען נאָך געלד אויף צדקה [14]); אָט דער רבי טרפון, וועלענדיג זיך ראַטעווען פון טויט פאָר אַ פאַלשען חשד, האָט ער געזאָגט אַז ער איז רבי טרפון, און זיין גאַנץ לעבען האָט דער דאָזיגער צדיק זיך וועגען דעם מצטער געווען, און פלעגט זאָגען: „וועה צו מיר וואָס איך האָב זיך באַנוצט מיט דער קרוין פון דער תורה [15]); אָט דער רבי טרפון וועל־כער האָט אונטערגעלייגט זיינע הענט אונטער זיין מוטערס פיס, ווען זי האָט שפּאַצירט שבת אין איהר הויף, זי זאָל אויף זיי טרעטען ביז׳ן בעט [16]); איז אָט אויף דעם גרויסען תנא, צדיק, עניו, און בעל מדות האָט ראַבאַי פינ־קעלשטיין צו זאָגען אין ענגליש ניט מעהר, נאָר אַז איהם האָט געפעלט ראַפּי־נירטקייט און אַז ער האָט געליטען פון דער אונאויסהייל־באַרער געוואוינהייט צו שעלטען זיינע קינדער — פאַרטייטשענדיק דערצו נאָך דעם מאמר חז״ל פאַלש.

און אפשר איז פּראָפעסאָר פינקעלשטיין אין כעס אויף רבי טרפון פאָר פאָלגענדעם: רבי טרפון האָט געלעבט אין דער צייט ווען די באַוועגונג פון די „אידישע קריסטען״ האָט זיך אָנגעהויבען אַנטוויקלען, איז ער געווען געגען זיי נאָך מעהר ווי געגען די געצענדינער. וואָרום געצענדינער אַנערקענען ניט גאָט און לייקענען אין איהם, אָבער די אידישע קריסטען אַנערקענען גאָט און לייקענען אין איהם [17]).

און ווי שטעהט אין מגלת אסתר „אשר החלות לנפל... נפול תפול״ — אַז מען הויבט אָן אַראָפּגעהן פון גלייכען וועג, געהט עס שוין ווי געשמירט — עבירה גוררת עבירה.

---

11) אבות דרבי נתן פרק יח; זעה אויך גטין סז, א.
12) נדה כד, ב.
13) תהלים קיב, ט.
14) מסכת כלה; זעה אויך מסכת כלה הוצאת היגער, זייט 157־159.
15) נדרים סב, א; אז ר׳ טרפון האָט זיך ניט געוואָלט באַנוצען מיט דער „קרוין פון דער תורה״, זעה מסכת כלה און פארגלייך מסכת כלה הוצאת היגער, זייט 159־160.
16) ירושלמי פאה פרק א׳, הלכה א׳; פארגלייך תוספות קידושין לא, ב, ד״ה ר׳ טרפון.
17) תוספתא שבת פרק יג, ה, הוצאת צוקערמאנדל; שבת קטז, א.

איז זיך מיישב פּראָפעסאָר פינקעלשטיין און גיט אַ שפּאָגעל־נייע דעפי־ניציע פון אידישקייט. ביי אידען איז אידישקייט אַט דאָס אין וועלכען זיי האָבען געגלויבט זינט זיי זיינען געוואָרען אַ פאָלק. ביי אידען איז אידישקייט דאָס פאַר וועלכען זיי האָבען מקריב געווען זייערע לעבענס. אידישקייט מיינט תנ"ך, משנה, גמרא, מדרש, רש"י, רמב"ם, תוספות, דאַווענען, מצות, מעשים טובים, צדקה, חסד, אמת, שבת, ימים טובים, עס איז אַזוי ברייט און אַזוי טיעף, אַזוי אַלאומפאַסענד, אַז עס לאָזט זיך גאָרניט דעפינירען. אידישקייט איז אידיש־קייט ! קומט דער קאָנסערוואַטיווער ראַבאַי פינקעלשטיין און פאַרעפענטליכט אַן אַרטיקעל אין דעם זשורנאַל וואָס דער סעמינאַר פאַר רעפאָרם ראַבאַיס, אין סינסינעטי, גיט אַרויס[18]), און זאָגט דאָרט ניט מעהר און ניט וויינ[י]גער ווי:

„אידישקייט, וואָס נאָך עס מעג זיין, איז הויפּטזעכליך אַ געמיטס־צו־שטאַנד".

"For Judaism, whatever else it may be, is primarily a state of mind."

און ווי באַלד אַז אידישקייט איז הויפטזעכליך אַ „געמיטס־צושטאַנד", איז ניטאָ קיין אורזאַך פאַרוואָס ער זאָל ניט אָפּלייקענען די עכטקייט פון תנ"ך. איז ניט נאָר לייקענט ער אין תורה מסיני נאָר ער באַשולדיגט די אידען אין פּלאַגיאַט — אין ליטעראַרישער גנבה. ער זאָגט פּשוט אַז אַ צאָהל ביבלישע דערצעהלונגען זיינען גאָרניט אונזערע, נאָר מיר אידען האָבען זיי גענומען ביי אַנדערע פעלקער און זיי באַאַרבייט אַז זיי זאָלען זיך צופּאַסען צו אונזערע באַדערפענישען.

ביי אַ יאָהרליכער פאַרזאַמלונג פון דער „סאָסייעטי אָף ביבליקעל ליטע־ראַטור", ביי וועלכער עס קומען זיך צוזאַמען קריסטליכע און אידישע ביבעל־פּראָפעסאָרען, האָט ער דערקלעהרט אַז:

„אַ צאָהל מעשיות פון ספר בראשית קענען ריכטיג פאַרשטאַנען ווערען נאָר דאַן, ווען מיר וועלען רעקאָנסטרואי־רען דעם אָריגינאַל פון וועלכען זיי זיינען געענדערט געוואָרען כדי צו פּאַ־סען די באַדערפענישען פון די היברוס".

"A number of the stories in Genesis can be understood properly only if we reconstruct the original tale out of which they have been altered to suit the needs of the Hebrews."

בעת באַריהמטע קריסטליכע געלעהרטע פאַרטיידיגען די עכטקייט פון תנ"ך, קומט פּראָפעסאָר פינקעלשטיין, דער ערציהער פון ראַבאַיס, און זאָגט — בבא מעשיות !

18) דהי היברו יוניאָן קאָלעדזש מאָנטלי, נאָוועמבער 1934.

נאָך דעם ווי פינקעלשטיין, דער ערציהער פון ראַבאַיס, אונטערמינעוועט דעם פונדאַמענט און די זיילען פון אידישקייט, הויבט ער אָן זינגען שירה צו יעזוס'ן און צום קריסטענטום. אונטערמינעווען אידישקייט און ליבען קריסטענטום געהען ביי איהם האַנט און האַנט.

אין דעם ענגלישען זשורנאַל „מנורה" שרייבט ער:

„וואָס האָט יעזוס ווירקליך געמיינט? עס איז אַלגעמיין אַנערקענט אַז ער איז געווען אַן עהרליכער, פרומער איד, וועלכער האָט זיך געפיהרט לויט דער תורה און האָט געגלויבט אין איהר געט־ליכער אינספּיראַציע...״

"What did Jesus actually mean? It is generally recognized that he was a faithful, observant Jew, who followed the Law and believed in its divine inspiration...." (*Menorah Journal*, 1936, p. 208).

איהר הערט! יעזוס האָט יאָ געגלויבט אין דער געטליכער אינספּיראַציע פון דער תורה, אָבער פּראָפעסאָר לואיס פינקעלשטיין, דער ערציהער פון ראַבאַיס, וועלכע דאַרפען לערנען זייערע צאָן קדשים טראַדיציאָנעלע אידיש־קייט, האַלט אַז אַ צאָהל מעשיות פון ספר בראשית האָבען די אידען גע'לקח'נט פון אַנדערע פעלקער!

ווען פּראָפעסאָר פינקעלשטיין איז געוואָרען „פּראָוואָסט״ [19]) פון שעכטערס סעמינאַר, האָט די קריסטליכע לעהרע אָנגעהויבען אריינצודרינגען אין די אויי־דיטאָריאומס פון דעם סעמינאַר גופא. איינער פון זיינע ערשטע שריט איז געווען איינצולאַדען דעם גוי'אישען פּראָפעסאָר ערווין ר. גודענאָף. די שיטה פון דעם דאָזיגען פּראָפעסאָר גודענאָף איז אַז די אידען האָבען אַנטוויקעלט זייער רעליגיע אויף דער ליניע פון די געצענדינערישע מיסטעריע רעליגיעס פאַר יעזוס'ן. קען מען זיך שוין משער זיין וואָס דער דאָזיגער פּראָפעסאָר פון געשיכטע פון רעליגיע האָט אריינגעקנעלט אין זיינע צוהערער. און אגב איז כדאי צו באַמערקען אַז דער זעלבער פּראָפעסאָר ווידמעט זיינס אַ ביכעל די לעהרער פון שעכטערס סעמינאַר בזה הלשון:

„צו דעם סטעף פון אידישען טע־אָלאָגישען סעמינאַר פון אַמעריקע וועל־כער אין פערזאָן דעמאָנסטרירט אַז קריסטליכע עטיק האָט איהר מקור אין אידענטום״.

"To the staff of the Jewish Theological Seminary of America who in person demonstrate that Christian Ethic has its source in Judaism."

19) דעם טיטול „פּראָוואָסט״ טראָגט געוועהנליך דער הויפּט פון אַן אוניווערזיטעט אָדער פון אַ קריסטליכער רעליגיעזער אַנשטאַלט אָדער אָרדען. קלינגט עס קאָמיש אַז דער הויפּט פון אַ אידישען רעליגיעזען לעהר אַנשטאַלט זאָל טראָגען דעם זעלבען טיטול.

נאך דעם ווי פראפעסאר פינקעלשטיין האט געשטעמפעלט אונזער תורה־געבער אלס פלאגיאטאר, האט ער אנגעהויבען רעגענען א מבול פון באליידיגונגען אויף די חכמי התלמוד. ער באשולדיגט זיי אין זיין אומגעלומפערטע, ניט געזעל־שאפטליכע, מיט שלעכטע מאניערען, רחמנות׳לאזע באשעפענישען.

אין זיין ענגליש בוך „די פרושים״ באצייכענט ער רבי אליעזר בן הורקנוס און רבן גמליאל אלס „ביטערע נאציאנאליסטען״ (זייט 34).

רבי ינאי כאראקטעריזירט ער אלס בעל גאוה און כעסן (זייט 35). בלויז איין מאהל דערמאהנט ער רבי ינאי, אט דעם רבי ינאי ארום וועלכען עס האט זיך געגרינדעט א גאנצע שוהלע באקאנט אלס „תנא דבי ינאי״, און אלץ וואס ער האט וועגען איהם צו זאגען, און נאך אין ענגליש דערצו, איז אז ער איז געווען א בעל גאוה און א כעסן!

ווען איינער שרייבט א פאלשטענדיגע ביאגראפיע פון רבי ינאי צי פון אנדערע חכמי התלמוד, רעכענט אויס זייערע אויפטהואונגען און פארדינסטען פאר דעם אידענטום און דערמאהנט אגב אורחא אז ער איז געווען א „ספיל־טשיווע״, קען מען דאס פארשטעהן. א מענש איז דאך ניט מעהר ווי א מענש. אבער דערמאהנען רבי ינאי בלויז איינמאהל און נאר לגנאי, און נאך געבען דעם איינדרוק אז דער מדרש רופט איהם אן „בעל גאוה און כעסן״, דאס איז שוין א ביסעל פארדעכטיג.

ווען מען עקזאמענירט, אבער, די מעטאדע דורך וועלכער ראבאי פינקעל־שטיין דערגרייכט אזעלכע רעזולטאטען מוז מען שטויגען און קומען צום באשלוס אז דאס איז עפעס א מין סיסטעמאטישע רשעות. אט וואס ער טהוט; אין זיין ענגליש בוך „די פרושים״ (זייט 36—35) ברענגט ער דעם פאלגענדען מדרש פון ויקרא רבה ט, ג:

„איינמאהל האט רבי ינאי געטראפען א פרעמדען אין שוהל, וועלכער האט איהם געשיינט צו זיין א תלמיד חכם, און ער האט איהם באלד איינגע־לאדען צו זיך א היים. נאכ׳ן עסען האט ער מכבד געווען דעם גאסט מיט בענ־טשען. אונגליקליכערווייזע, אבער, האט דער פרעמדער בלויז אויסגעזעהן ווי א תלמיד חכם, בעת אין אמת׳ן איז ער געווען אן עם הארץ. „איך קען ניט בענטשען״, האט ער געזאגט עניוות׳דיג. „זאג עס מיר נאך״, האט פארטגעזעצט דער גאוה׳דיגער און צא־

“A contemporary scholar, R. Yannai, one day found a stranger in the synagogue and, noticing his scholarly appearance, immediately invited him to his home. After the meal, he requested his guest to say grace. Unfortunately, the stranger’s scholarship was limited to his mien and bearing, but did not extend to a knowledge of the law or ritual. ‘I am unable to say grace,’ he said humbly. ‘Say it after me,’ continued the haughty

רענדיגער [19*]) רבי ינאי, און ער האָט אַ זאָג געטהאָן די ווערטער: „אַ הונט האָט געגעסען ינאי׳ס ברויט״. ביטער געטראָפען, האָט דער אָרימער פויער געזאָגט, „איך האָב קיינמאָל ניט גע־האָט די מעגליכקייט צו לערנען. אָבער איינמאָהל איז אַ מגיד דורכ־געפּאָהרען אונזער שטאָדט, און פון איהם האָב איך געהערט אַ פּסוק וועל־כען איך געדענק גוט. אין דער תורה שטעהט: ׳משה האָט אונז געבאָטען א תורה, די ירושה פון דער געמיינדע פון יעקב׳. עס שטעהט ניט ׳די ירושה פון דער געמיינדע פון ינאי׳, נאָר ׳פון יעקב׳. דיין לומדות איז לחלוטין ניט דיינס, נאָר מיינס!״

and indignant R. Yannai, and then he pronounced the words: 'A dog has eaten the bread of Yannai.' Bitterly hurt, the poor peasant said, 'I have never had the opportunity of studying. But once an itinerant preacher passed through our town and from him I heard a verse which I remember well. The Scriptures say, 'The Torah was commanded us by Moses, the inheritance of the Community of Jacob (Deut. 33, 4). It does not say 'the inheritance of the community of Yannai,' but 'of Jacob.' Your learning is not yours at all but mine!' "

קען מען דאָך מיינען אַז ער איז גערעכט ווען מיר באַלד זעהן אַ המצאה פון אַ קאָנסערוואטיווען ראַבאַי. אָט וואָס דער מדרש זאָגט:

רבי ינאי איז אַ מאָהל געגאַנגען אין וועג [20]) האָט ער געזעהן אַ מענשען וועלכער האָט איהם אויסגעזעהן ווי אַ תלמיד חכם. ר׳ ינאי האָט איהם גע־פרעגט צי ער וועט אָננעמען זיין איינלאַדונג און ער האָט געענטפערט אַז יאָ. האָט ער איהם אַריינגענומען צו זיך אין הויז, און איהם געגעבען צו עסען און צו טרינקען. ער האָט אַ שמועס געטהאָן מיט איהם אין תנ״ך האָט ער געזעהן אַז ער קען ניט, משנה — ער קען ניט, אגדה — ער קען ניט, תלמוד — ער קען ניט. האָט ער איהם

„מעשה ברבי ינאי שהיה מהלך בדרך וראה אדם אחד שהיה משופע ביותר אמר לו משגח רבי מתקבלא גבן. אמר לו אין. הכניסו לביתו, האכילו והשקהו. בדקו במקרא ולא מצאו, במשנה ולא מצאו, באגדה ולא מצאו, בתלמוד ולא מצאו. אמר לו סב בריך. אמר לו יברך ינאי בביתיה. אמר לו אית בך אמר מה דאנא אמר לך אמר לו אין אמר לו: אמור אכול כלבא פיסתיא דינאי. קם תפסיה אמר לו, ירותתי גבך דאת מונע לי. אמר לו ומה ירתותך גבי? אמר לו חד זמן הוינא

19*) אין מדרש שטעהט ניט „גאוה׳דיגער און צאָרענדיגער״.

20) „בדרך״ איז דער טייטש אין וועג ניט אין דער סינאַגאָגע ווי פינקעלשטיין איבערזעצט.

מכבד געווען מיט בענטשען. ענטפערט דער גאַסט: ביי זיך אין הויז זאָל ינאי בענטשען. פרעגט ר' ינאי: קענסטו מיר נאָך זאָגען וואָס כ'וועל דיר זאָגען? ענטפערט ער: „יאָ“. זאָגט ער צו איהם: זאָג 'אַ הונט האָט געגעסען ינאי'ס ברויט'. האָט ער זיך אויפגעשטעלט, איהם אָנגעכאַפּט און צו איהם געזאָגט: 'מיין ירושה איז ביי דיר און דו לאָזט מיך ניט זי האָבען'. זאָגט ער צו איהם: און וואָס איז דיין ירושה וואָס האָסט ביי מיר? ענטפערט ער איהם: איך בין אַמאָהל פאַרבייגעגאַנגען אַ שוהלע, האָב איך געהערט די קינדער זאָגען[21]: 'משה האָט אונז געבאָטען די תורה, א ירושה פון דער קהילה פון יעקב'. עס שטעהט ניט א 'ירושה פון דער קהילה פון ינאי', נאָר „קהלת יעקב“[22]. פרעגט ער איהם אין וועלכען זכות האָסטו געגעסען מיין ברויט? האָט ער איהם געענטפערט: מיין גאַנץ לעבען האָב איך ניט געטראָגען קיין פּליאַטקעס און ווען איך האָב געזעהן צוויי מענשען זיך קריגען האָב איך געמאַכט שלום צווישען זיי'. האָט ער צו איהם געזאָגט: דו האָסט אזעלכע גרויסע מדות און איך האָב דיך גערופען הונט! און ער האָט אויף איהם באַצויגען דעם פּסוק „שם דרך...“[23]) — וועמ עס קלויבט אויס דעם ריכטיגען וועג איז פיעל ווערט[24]), וואָרום רבי ישמעאל בר רב נחמן האָט געזאָגט אז דרך ארץ איז עלטער פון דער תורה מיט זעקס און צוואַנציג דורות.

עבר קמי בית ספרא ושמעית קלהון דמניקיא אמרין 'תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב', (דברים לג, ד) מורשה קהלת ינאי אין כתיב, אלא קהלת יעקב. אמר לו למה זכיתה למיכלא על פתורי? אמר לו מיומי לא שמעית מילא בישא וחזרתי למרה ולא חמית תרין דמתכתשין דין עם דין ולא יהבית שלמא ביניהון. אמר לו כל הדא דרך ארץ גבך וקריתך כלבא! קרא עליה שם דרך דשיים אורחיה סגי שוי. דאמר רבי ישמעאל בר בר נחמן עשרים וששה דורות קדמה דרך ארץ את התורה“ (ויקרא רבה ט, ג).

אַלזאָ ווי מען זעהט האָט פּראָפ. פינקעלשטיין אויסגעלאָזט דעם סוף פון דעם עפּיזאָד, וועלכער צייגט בפירוש אַז רבי ינאי האָט באַטראַכט דרך ארץ

21) און ניט אז א מגיד איז דורכגעפאָהרען זיין שטאָדט, ווי פינקעלשטיינס ניט ריכטיגע איבערזעצונג.

22) דאָס הייסט די תורה געהערט אַלע אידען, איז אויב דו קענסט דאַרפסטו מיר 'ערנען. און ניט ווי פינקעלשטיין איבערזעצט „דיין לומדות איז לחלוטין ניט דיינס, נאָר מיינס“. דער לעזער, וועלכער וועט פארגלייכען פינקעלשטיינס איבערזעצונג מיט דעם טעקסט, וועט געפינען א גאנצע רייהע אנדערע אונפינקטליכקייטן.

23) תהלים נ, כג.

24) זעה מועד קטן, ה, א; סוטה ה, ב; אבן עזרא צו תהלים נ, כג.

פאר אַ גרויסע טוגענד, און אַז ער האָט זיך ממש אַנטשולדיגט פאַר יענעם, אַלץ כדי ער זאָל קענען באַצייכענען רבי ינאי אַלס „בעל גאוה און כעסן"!

אַז דאָס איז ניט קיין צופאַל נאָר אַ באַשטימטער סיסטעם קען מען זעהן פון דעם פאָלגענדען.

אין דעם זעלבען בוך „די פרושים (זייט 35) ברענגט ער די פאָלגענדע גמרא:

„אין אַ הונגער יאָהר האָט רבי יהודה הנשיא אויפגעעפענט זיינע שפּייערען און געזאָגט: 'זאָלען די וועלכע לערנען תנ"ך, משנה, גמרא, הלכה, הגדה אַריינגעהן און עסען, אָבער די עמי הארץ זאָלען ניט אַריינגעהן'. אַ תלמיד פון דער אַקאַדעמיע, פיהלענדיג אַז דער אונטערשייד איז אונרעכט[25]) האָט זיך צוגעשטופּט צו רבי יהודה'ן און געזאָגט: 'רבי, שפּייז מיך!' האָט רבי יהודה איהם געפרעגט: 'האָסטו געלערנט תנ"ך?' 'ניין', האָט געענטפערט דער תלמיד. 'ווי זשע זאָל איך דיך שפּייזען?' האָט רבי געשריגען. 'שפּייז מיך ווי אַ הונט אָדער אַ וואָראָנע!' נאָך דעם ווי ער האָט איהם געשפּייזט האָט מען געהערט ווי רבי יהודה, וועלכער האָט דערפון גאָרניט געלערנט[26]), זיפצט: 'וועה, וואָס כ'האָב געשפּייזט אַן עם הארץ'."

"During a period of famine, R. Judah the Prince (ca. 200 C.E.) opened up his granaries and announced: 'Let the students of Scripture or of Mishna or of Tradition or of codified norms or of ethical sayings enter and eat: but let not any *am ha-arez* come in!' One of the disciples of the academy, feeling that the distinction was unjust, forced his way into the presence of the prince and said, 'Master, feed me.' R. Judah said to him, 'Hast thou read Scripture?' 'No,' replied the student. 'How then can I feed thee?' cried the Master. 'Feed me like a dog or a raven.' After he had fed him, Rabbi Judah, on whom the lesson had been completely lost, was heard to moan, 'Alas, that I have given of my bread to the *am ha-arez*.'"

---

25) אין דער גמרא שטעהט ניט „פיהלענדיג אַז דער אונטערשייד איז אונרעכט", ווי פינקעלשטיין קלעהרט אויס.

26) אין דער גמרא שטעהט ניט אַז רבי יהודה „האָט דערפון גאָרניט געלערנט", ווי פינקעלשטיין באַהויפּטעט.

איצט וועלן מיר זעהן וואס די גמרא זאגט:

„אין די הונגער יאהרען האט רבי געעפענט זיינע שייערען און אויסגע־רופען אז די וועלכע קענען תנ"ך, משנה, גמרא, הלכה, הגדה זאלען אריינגעהן, אבער די עמי הארץ זאלען ניט אריינגעהן. האט זיך רבי יונתן בן עמרם אריינגעשטופט און געזאגט צו איהם: 'רבי, שפייז מיך'. האט ער צו איהם געזאגט: „מיין קינד, האסטו געלערנט תנ"ך?' האט ער גע־ענטפערט 'ניין'. 'האסטו געלערנט תלמוד?' 'ניין', 'איז ווי זשע זאל איך דיך שפייזען?' 'שפייז מיך ווי א הונט אדער א וואראנע'. האט ער איהם געשפייזט. נאך דעם ווי ער איז אוועק־געגאנגען האט רבי געזיפצט: וועה וואס איך האב געשפייזט אן עם הארץ'. האט ר"ש בר רבי צו איהם געזאגט: 'אפשר איז ער דיין תלמיד יונתן בן עמרם וועלכער וויל קיינמאהל ניט געני־סען דורך דעם כבוד פון דער תורה האט מען חוקר ודורש געווען און ס'איז עס טאקע געווען. האט רבי באפוילען יעדער איינער זאל אריינגעהן'".

רבי פתח אוצריו בשני בצורת אמר יכנסו בעלי מקרא, בעלי משנה, בעלי גמרא, בעלי הלכה, בעלי הגדה, אבל עמי הארץ אל יכנסו. דחק רבי יונתן בן עמרם ונכנס. אמר לו: 'רבי, פרנסני'. אמר לו: 'בני קרית?' אמר לו 'לאו'. 'שנית?' אמר לו 'לאו'. 'אם כן במה אפרנסך?' 'פרנסני ככלב וכעורב'. פרנסיה. בתר דנפק, יתיב רבי וקא מצטער ואמר: 'אוי לי שנתתי פתי לעם הארץ'. אמר לפניו ר"ש בר רבי: 'שמא יונתן בן עמרם תלמידך הוא שאינו רוצה ליהנות מכבוד תורה מימיו?' בדקו ואשכח. אמר רבי: יכנסו הכל'"[27]).

איז אויסער דעם וואס ער פארפאלשעוועט די גמרא, דערצעהלט ער ניט דעם סוף פון דעם עפיזאד וואס ווייזט בפירוש אז רבי יהודה האט יא געלערנט א מוסר השכל און געהייסען אלע אריינגעהן נעהמען שפייז, און ער פארשוויגט די אונגעהויער שעהנע און פיינע מידה פון רבי יונתן בן עמרם אז ער האט ניט געוואלט מאטעריעל געניסען דורך זיין לומדות, און דאס אלץ כדי צו ווייזען אז רבי יהודה הנשיא איז געווען א מענש אהן א הארץ, אהן רחמנות! איז דאס ניט בייזהאפטע רשעות?!

געוויס האבען די חכמי התלמוד געקעמפט קעגען עם הארצות. זיי האבען געוואלט אז דער עם ישראל זאל ווירקליך זיין אן עם הספר, איז אין וואס באשטעהט די עולה? נאך מעהר, אז מען זעהט ווי ראבאי פינקעלשטיין צע־מזיק'ט די געבראכטע גמרא און דעם מדרש, איז א רבותא וואס זיי האבען געהאסט עם הארצות?

27) בבא בתרא ח, א.

שרייבט פראָפעסאָר פינקעלשטיין:

„די בית שמאי, די ראשי המדברים פון די פרושים, זיינען געווען פראָמי־נענט דורך שלעכטע מאַניערען".

"The School of Shammai, mouthpiece of the wealthy pharisees, was noted for ill manners. . . ." (p. 83).

אָט דער שמאי, וועלכער האָט געזאָגט: „והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות"[28]) — דו זאָלסט אויפנעהמען יעדען מענשען מיט אַ פריינדליך פנים — איז געווען פראָמינענט דורך שלעכטע מאַניערען!

„רבי אליעזר בן הורקנוס, איינער פון די גרעסטע חכמי התלמוד אָבער אַן אָבשטאַמלונג פון פראָווינציאַלען, האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שלעכטע ערציהונג. ער איז געוואוינט געווען צו שעלטען מיט די פינצטערסטע קללות די יעניגע וועלכע האָבען ניט איינגעשטימט מיט איהם"...

„דער דאָזיגער טעמפעראַמענט האָט איהם ניט פאַרלאָזען אפילו אויף זיין טויטען בעט".

"R. Eliezer ben Hyrcanus, one of the most erudite among the sages but a descendant of provincials, was noted for his ill-breeding. He was wont to utter the most lurid curses against those who disagreed with him" (p. 84).

"This temper did not forsake him even on his deathbed" (p. 85).

מיט דעם וואָס ער האָט שוין געזאָגט אויף ר' אליעזר[29]) איז ער, אַפנים, נאָך ניט גאַנץ צופרידען. אין 1929 האָט ער געשריבען אַז רבי אליעזר פלעגט שעל־טען מיט פינצטערע קללות. אין 1938 (ווען דאָס בוך איז ערשינען) לייגט ער איהם צו אַ „ווערד", די פינצטערסטע קללות.

„ווייניגער אומגעלומפערט ווי רבי אליעזר אָבער נאָך אַלץ אונעמפפינדליך צו די שמערצען פון אַנדערע איז גע־ווען אַן אַנדער פאַטריציער קאָלעגע רבי אלעזר בן עזריה".

"Less uncouth than R. Eliezer but still insensitive to the pain of others was another patrician colleague, R. Eleazer ben Azariah" (p. 85).

---

28) פרקי אבות א, טו.

29) זעה זייט 4.

אַט דער רבי אלעזר בן עזריה וועלכער איז אַלס אַכצעהן יאָהריגער בחור ערוועהלט געוואָרען נשיא אויף דעם אָרט פון רבן גמליאל[30]); אַט דער רבי אלעזר בן עזריה, אויף וועמען רבי יהודה הנשיא האָט געזאָגט אַז ער איז ווי אַ „קופה של רוכלים״[31]) — פונקט ווי דעם „פּעדלערס״ רענצעל ענטהאַלט אַלע סאָרטען בשמים, אַזוי איז ער געווען פול מיט תנ״ך, משנה, מדרש, הלכות און אגדות; אַט דער רבי אלעזר בן עזריה אויף וועמען די חכמים האָבען געזאָגט: „משמת ר׳ אלעזר בן עזריה בטלה עטרת חכמים[32]) — אַז מיט זיין טויט איז בטל געוואָרען די קרוין פון די חכמים. אַט דער רבי אלעזר בן עזריה וועלכער איז געווען אַזאַ גרויסער עניו אַז ער האָט געוואָלט באַדינען רבן גמליאל׳ס קנעכט טבי[33]); אַט דער גרויסער הומאַניטאַר, דער גרויסער מענשען־פריינד וועלכער האָט אַנידערגעלייגט דעם פּרינציפּ אַז עבירות צווישען מענש און מענש איז אפילו יום הכפור ניט מכפר, סיידען דער באַליידיגער בעט איבער דעם באַליידיגטען[34]) — אַט דעם רבי אלעזר בן עזריה באַשולדיגט פּראָפ. פינקעלשטיין אין האָבען געווען אונעמפּפינדליך צו די שמערצען פון אַנדערע!

שרייבט פּראָפעסאָר פינקעלשטיין:

„רבי טרפון, אַן אַנדער רייכער הלל׳אייט מיט שמאַי׳איטישע נייגונגען, האָט זיך קיינמאָהל ניט באַפרייט פון דער דאָרפישער געוואוינהייט צו שעלטען זיינע קינדער מיט די שעדליכסטע קללות״.

“R. Tarfon, another wealthy Hillelite with Shammaitic leanings, never outgrew the rural habit of invoking the most baleful imprecations upon his children” (p. 86).

אין 1929 האָט ער געשריבען אַז רבי טרפון פלעגט „שעלטען זיינע קינדער״[35]), און אין 1938 (ווען דאָס בוך איז ערשינען) גיט ער איהם צו אַ „ווערך״ שעדליכסטע קללות.

„דער האַלבער שמאַי׳אייט, רבן גמליאל דער צווייטער, אַן אָפּשטאַמלונג פון הלל, איז, ווי די אַנדערע פּאַטריציער, אָנגעשטעקט געוואָרען אַרויסצוזאָגען זיין מיינונג, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט דערמיט פאַרשאַפט שמערצען״.

“The half-Shammaite, R. Gamaliel II, a descendant of Hillel, had like the other patricians caught the contagion of speaking his mind without regard to the pain he gave” (p. 86).

30) ברכות כח, א.
31) אבות דרבי נתן פרק יח.
32) תוספתא סוטה פרק טו, ג, הוצאת צוקערמאַנדל; זעה אויך סוטה מט, ב.
33) מדרש משלי קאַפּיטעל ט.
34) יומא פה, ב.
35) זעה זייט 4.

אַט דער רבן גמליאל, וועלכער האָט פּעסטגעלייגט דעם דעמאָקראַטישען פּרינציפּ „הלכה כרבים״[36]) — די מעהרהייט רעגירט; אַט דער רבן גמליאל וועלכער פלעגט וויינען, ווען ער פלעגט קומען צום פסוק „צדיק הוא חיה יחיה״ — „ער איז אַ צדיק, לעבען וועט ער לעבען״ (יחזקאל יח, ט), ווייל טאָמער קריגט שכר נאָר דער וועלכער היט אָפּ אַלע מצות[37]); אַט דער רבן גמליאל וועלכער, ווען זיין שכנה׳ס זוהן איז געשטאָרבען, האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויינט, אַזש די האָר פון זיינע אויגען־לעדעל זיינען אויסגעקראָכען[38]) — אַט דעם רבן גמליאל, זאָגט פינקעלשטיין, האָט ניט געאַרט ווען ער האָט פאַר־שאַפט שמערצען!

„רבי ישמעאל, אַ פיהרער פון דער פאַטריציער שוהל אין צווייטען יאָהר־הונדערט פון דער איצטיגער צייטרע־כענונג, האָט ווירקליך דערהויבען ניט־געזעלשאַפטליכע אויפפיהרונג צו אַ פילאָזאָפיע״.

“R. Ishmael, a leader of the patrician school of the second century C. E., actually raised un-social behavior to a philosophy” (p. 86).

„רבי ישמעאל, אַ פאַטריציער, וועל־כער האָט אויסגעדרוקט פאַראַכטונג פאַר געזעלשאַפטליכע גראַציע״.

“R. Ishmael, a patrician, who expressed contempt for s o c i a l grace” (p. 88).

אַט דער רבי ישמעאל וועלכער האָט געזאָגט: „הוה קל לראש ונוח לתשחורת, והוה מקבל את כל האדם בשמחה״[39]) — האַלט זיך ניט גרויס איבער עלטערע, זיי העפליך צו אינגערע, און נעם אויף יעדען מענשען מיט פרייד, אויף אַט דעם רבי ישמעאל שרייבט פּראָפעסאָר פינקעלשטיין אַז ער האָט דערהויבען ניט-געזעלשאַפטליכע אויפפיהרונג צו אַ פילאָזאָפיע! אַט דער רבי ישמעאל וועלכער האָט געוויינט און געזאָגט „בנות ישראל נאות הן אלא שהעניות מנוולתן״[40]) — די אידישע טעכטער זיינען שעהן נאָר די אָרימקייט מאַכט זיי מיאוס, אויף אַט דעם עסטעטישען רבי ישמעאל שרייבט פּראָפ. פינקעלשטיין אַז ער האָט אויסגעדרוקט פאַראַכטונג פאַר געזעלשאַפטליכע גראַציע!

---

36) ברכות לז, א.

37) סנהדרין פא, א; זעה מכות כד, א.

38) סנהדרין קד, ב.

39) פרקי אבות ג, טז.

40) נדרים סו, א.

„מפרשים פון דער משנה געפינען עס שווער צו ערקלעהרען די מאָדנע פערווערזיטעט פון די פרושים״.

"Commentators on the Mishna find some difficulty in explaining the strange perversity of the Pharisees" (p. 123).

נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ זאָג פון אַ לעהרער פון ראַבאַיס אויף די פרושים לויט וועמענס לעהרע מיר לעבען! ווען עמיצער זאָל אַזוי רעדען אויף לעבע־דיגע מענשען ווי פראָפ. פינקעלשטיין רעדט אויף די חכמי התלמוד וואָלט ער געלאַנדעט אָדער אין טורמע אָדער אין אַ משוגעים הויז.

ר. טראווערס הערפאָרד, אַ גוי׳אישער געלעהרטער פון ענגלאַנד האָט אויך געשריבען אַ בוך וועגען די פרושים, באַהאַנדעלט ער זיי מיט אַ סך מעהר דרך ארץ. און פון וויסענשאַפטליכען שטאַנדפונקט שרייבט אַן אַנדער קריסטלי־כער געלעהרטער אַז פינקעלשטיינ׳ס אַרגומענטען זיינען „ווייט־כאַפּענד, צייטענווייז אָהן שייכות צום ענין, און אין אַלגעמיין ניט איבערצייגענד״ — "farfetched, sometimes irrelevant, and, in the main, unconvincing." 41)

אויסרעכענען אַלץ וואָס פּראָפעסאָר פינקעלשטיין וואַרפט אויף די קעפּ פון די חכמי התלמוד וואָלט זיך געפאָדערט מעהר ווי אַ בראָשורע, וועלען מיר זיך באַנוגענען מיט בלויז נאָך עטליכע ציטאַטען פון זיין ענגליש בוך „די פרושים״.

„די טעמפעל פריסטער־הערשאַפט האָט זיך געפיהלט העכסט גוט אין דער דאָזיגער ברוטאַלער געזעלשאַפט, וואָרום די פריסטערשאַפט איז אין אַל־געמיין געווען פונקט אַזוי עם־הארצות־דיג ווי דער איבעריגער אדעלקלאַס״.

"The Temple hierarchy was perfectly at home in this brutish society, for the priesthood was generally as unlettered as the rest of the nobility" (p. 20).

„די כהנים האָבען פאַרכאַפּט דעם באָדען און זיינען אַליין געוואָרען די רייכסטע מענשען פון לאַנד... זיי זיי־נען געווען זעהר און אויף אַן אונפאַר־שעהמטען אופן מאַטעריאַליסטיש״.

"The Priests seized the land and themselves became the wealthiest people in the country.... They were grossly and shamelessly materialistic" (p. 21).

אָט אַזוי שילדערט ראַבאַי פינקעלשטיין אונזערע כהנים.

---

41) The Jews and Judaism During the Greek Period by W. O. E. Oesterley, page 245.

זעה אויך הערבערט דענבי אין דזשוירנעל אָף טעאָלאָדזשיקעל סטאָדיעס, 1939.

דערצו ענטהאַלט נאָך זיין בוך אַזעלכע שטעלען וואָס ווען מען זאָל ניט וויסען אַז ראַבאַי פינקעלשטיין האָט זיי געשריבען, וואָלט מען געקאָנט גלויבען אַז זיי זיינען אַ מיסיאָנערס אַרבייט. ער שרייבט:

„פונדעסטוועגען זיינען דער פרוש און דער קריסט געבליבען גענוג נאָהענט צו באַטראַכטען איינער דעם אַנדערען מיט רעספּעקט... פאול, נאָכ'ן שמד'ן זיך, האָט זיך נאָך אַלץ' ערקלעהרט אַלס אַ פרוש; גמליאל, דער הויפּט פון די פרושים, איז געלויבט געוואָרען פאַר זיין לומדות און פאַר זיין טאָלעראַנץ וואָס ער האָט געראַטעוועט די אַפּאָסטאָלען פון שטראָף; יעזוס האָט דערקלעהרט אַז אַן אויפריכטיגער פרוש איז ניט ווייט פון גאָט'ס קעניגרייך; און יעזוס אַליין, ווען מען האָט איהם געפרעגט וואָס איז דאָס ערשטע געבאָט, האָט ער געענטפערט, ווי עס וואָלט וועלכער עס איז אַנדער פרוש, 'שמע ישראל...'"

"Nevertheless, the Pharisee and the Christian remained sufficiently close to regard one another with respect.... Paul, after his conversion, still declared himself a Pharisee (Acts 23.6); Gamaliel, the head of the Pharisees, was praised for his learning and tolerance in saving the Apostles from punishment (ibid. 5.34); a devout Pharisee was declared by Jesus to be 'not far from the Kingdom of God' (Mk. 12.34); and Jesus, himself, being asked what is the first of the commandments, replied, as might any other Pharisee, 'Hear, O Israel; the Lord our God is one Lord' (ib. 12.29)" (p. XV-XVI).

וואָס איז זיין צוועק אין פאַרבונדען יעזוס'ן מיט די חכמי התלמוד, קריסטענטום מיט אידענטום?

אין דעם זעלבען בוך שרייבט ער:

„דער אונוויסענדער, אונקאָנטראָלירטער ווייבערניק מאַכמעד, וועלכער איז געוואָרען דער אַפּאָסטאָל פון די אַראַבער, איז ניט געווען קיין פּאָול פון תרשיש, ניט אין זיין אינטעלעקט און ניט אין זיינע מאָראַלישע דערגרייכונגען. דער רעזולטאַט פון אָט די שוועריגקייטען איז נאָך איצט מערקבאַר

"And the ignorant, self-indulgent, uxorious Mohammed, who became the apostle to the Arabs, was no Paul of Tarsus either in his intellectual or in his moral attainments. The result of these difficulties is still evident in Mohammedanism, which has no share

אין מאַכמעדאַניזם, וואָס האָט ניט קיין חלק אין די אידיש־קריסטליכע לעהרעס וועגען וועלט־פרידען און גלייכהייט צווישען מענער און פרויען".

in the Jewish-Christian doctrines of world peace or the equality of the sexes" (p. XII).

פרעגט זיך, וואָס איז ראַבאַי פינקעלשטיינ'ס אמת'ע כונה אין לויבען פאָול פון תרשיש, דעם פאַטער פון דער קאַטוילישער רעליגיע, און האַלטען אין איין איבער'חזר'ן די פראַזע „אידיש־קריסטליכע", גלייך ווי עס וואָלט געווען איינס?

שרייבט ווייטער פראָפעסאָר פינקעלשטיין:

„די רוימער וועלכע האָבען אָנגענומען די פּאַלעסטינער רעליגיע זיינען אָפט ניט געווען באַקאַנט מיט די דענאָמינאַציאָנאַלע דיפערענצען וועלכע האָבען געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין ירושלים. ווי מאַנכע היינטיגע כינעזער האָבען זיי ניט געקאַנט אונטערשיידען צווישען אידענטום און קריסטענטום, און האָבען זיי באַטראַכט ווי איין גלויבען. אַלס רעזולטאַט האָבען ביידע, קריסטענטום און אידענטום, גע'טענה'ט אַז די באַקעהרטע געהערען צו זיי; אָבער עס איז קלאָהר אַז עס איז געווען דער פאַריזאַאיזם, געמיינזאַם צו ביידע גלויבענס, וועלכער האָט זיי געוואונען".

"Frequently the Romans who became converted to Palestinian religion were quite unaware of the denominational differences which loomed so large in Jerusalem. Like some modern Chinese, they could not distinguish J u d a i s m from Christianity, and considered them one faith. As a result, both Christianity and Judaism claim these converts as their own; but obviously it was the Pharisaism, common to both faiths, which won them" (p. XIV).

וואָס באַצוועקט פראָפעסאָר פינקעלשטיין מיט זיין באַטאָנען אַז אידענטום און קריסטענטום זיינען געווען אַזוי ענהליך אַז די רוימער האָבען זיי באַטראַכט ווי איין גלויבען? וואָס איז ער אויסען מיט זיין דערצעהלען אונז אַז פאַריזאַאיזם (די לעהרע פון די חכמי התלמוד לויט וועלכע מיר אידען לעבען) איז געווען געמיינזאַם צו ביידע גלויבענס (אידענטום און קריסטענטום)?

רעדענדיג וועגען די פאַרפאָלגונגען וואָס סאַי די אידען און סאַי די קריסטען האָבען געהאַט אויסצושטעהן פון די רוימער, שרייבט פראָפעסאָר פינקעלשטיין אַז:

„עס איז וויכטיג צו געדענקען אַז עס איז ניט געווען קיין ספּעציעלער איינצעלהייט אין דער קריסטליכער אָדער אידישער פּראַקטיק אָדער טעאָלאָגיע וואָס האָט ארויסגערופען די דאָזיגע גרויזאַמע מאַסרעגעלן, נאָר די פּאַריזאַאישע לעהרעס און גייסטיגע ענערגיע וועלכע ביידע האָבען געטיילט“.

"It is important to remember that it was no special detail in either Christian or Jewish practice or theology which evoked these harsh measures, but the Pharisaic teachings and spiritual energy which were shared by both" (p. XV).

צוליעב וואָס געהט עס פּראָפעסאָר פינקעלשטיין אַזוי אין לעבען צו געדענקען אַז פּאַריזאַאיזם — די לעהרעס פון די חכמי התלמוד — איז געווען אַ טייל פון קריסטענטום ?

וואָס באַצוועקט ער מיט זיין באַהויפּטונג אַז :

„דער רוימישער שריפטשטעלער און גענעראַל האָבען געזעהן אין דעם אידען און דעם קריסט, וועלכע זיינען געווען אַזוי גרייט און אפילו באַגיעריג צו שטאַרבען פאַר זייער גלויבען, אַקוראַט דאָס וואָס די פריהערדיגע געגנער פון פּאַריזאַאיזם האָבען געזעהן אין דער אונצוטיילבאַרער סעקטע — אַ גרופּע שמאָלקעפּיגע פאַנאַטיקער“.

"The Roman writer and general saw in the Jew and the Christian who were so ready and even eager to die for their faith, precisely what the earlier opponents of Pharisaism had seen in the undivided sect—a group of narrow-minded bigots" (p. XV).

וואָס איז זיין כונה אין דערצעהלען אונז אַז אידענטום און קריסטענטום זיינען געווען אַן אונצוטיילבאַרע סעקטע ?

און איצט הערט און לאַכט ! ראַבאַי פינקעלשטיין שרייבט :

„אברהם אבינו האָט טאַקע געזעהן דריי מענער ; אָבער זיי זיינען ניט געווען קיין געטער ; זיי זיינען געווען בלויז מלאכים אָדער שלוחים פון דעם איינעם גאָט וועלכער האָט זיך דאָס מאָהל געוואָלט אַנטפּלעקען דורך זיי. און זיכערליך, לאָגיש גערעדט, אַז גאָט קען ערשיינען, אלס איין מענש, פאַרוואָס ניט אַלס דריי ?“

"Abraham did indeed see three men; but they were not gods; they were only angels or messengers of the one God, who at this time chose to manifest Himself through them. And indeed, logically, since God can appear as one man, why not as three?" (p. 165).

איז ראשית וואו שטעהט אז די דריי מענשען וועלכע אברהם אבינו האָט געזעהן זיינען געווען געטער? און איז פּראָפעסאָר לואיס פינקעלשטיין דער־מיט אויסען צו ברענגען אַ ראיה פון דער תורה וועגען דער דריי־איינינקייט, ווי אַ שטייגער פּראָפעסיאָנעלע מיסיאָנערען זיינען זיך נוהג?

אנטיסעמיטען און מיסיאָנערען קענען געפינען אַן אוצר אין פינקעלשטיינ׳ס בוך „די פּרושים״ בפרט נאָך אַז די דאָזיגע אויסערונגען קומען פון דעם פּרע־זידענט פון דעם אידישען טעאָלאָגישען סעמינאַר — אַ לעהר אַנשטאַלט פאַר ראַבאַיס.

פּראָפעסאָר פינקעלשטיין האַלט, אַפּנים, פון המתחיל בעבירה אומרים לו גמור. אויב שוין יאָ מזיק׳ן אידישקייט איז ביז צום ביין. איז הערט זשע ווייטער:

אין דער ביבעל־וויסענשאַפט איז פאַראַן אַ „ספּעציאַליטעט״ וואָס הייסט „העכערע קריטיק״. דער צוועק פון די דאָזיגע ספּעציאַליסטען איז צו פאַלמעסען דעם תנ״ך. גוי׳אישע פּראָפעסאָרען פון ביבעל, וועלכע צעברעכען זיך די ציין איידער זיי קריכען דורך איין שורה גרויסע אותיות מיט נקודות אין תנ״ך, „פאַרריכטען״ איהם. ווען מען צעהלט איבער די „אויסבעסערונגען״, בלייבט ניט אין תנ״ך קיין גאַנצער פּסוק.

און ווי עס קריסטעלט זיך אַזוי אידעלט זיך. זיינען דאָ אויך מאחינו בני ישראל (פאַרשטעהט זיך די וועלכע וויסען אין תנ״ך ווי אַ האָן אין „בני אדם״) וועלכע לייגען צו אַ האַנד צו דער ביבעל־אָפּעראַציע. אָבער בעת עס זיינען פאַר־האַן גוים וועלכע האַלטען אַז „משה אמת ותורתו אמת״, באַזונדערס זינט די אויס־גראָבונגען אין מזרח באַשטעטיגען פיעלע תנ״כ׳ישע באַהויפּטונגען, און אפילו די „כירורגען״ האַלטען דאָך אַז דער תנ״ך איז אונזער, ניט מעהר זיי „פאַר־ריכטען״ איהם, קומט פּראָפעסאָר לואיס פינקעלשטיין און זאָגט אַז עס איז גאָרניט אונזערס. אויסער דעם וואָס ער זאָגט וועגען ספר בראשית, שרייבט ער:

„עס איז איצט אַלגעמיין אָנגענומען אַז די קאַפּיטלאַך פון כב, יז ביז כד, כב פון משלי זיינען באַזירט אויף עגיפּטישע קוועלען־מאַטעריאַל״.

“It is now generally held that the booklet included in Proverbs 22.17-24.22 is based on Egyptian source material” (p. 213).

אַזוי גייסטיג אָרעם זיינען מיר אידען געווען אַז אפילו אַ ווערטעל האָבען מיר געמוזט לייהען ביי אַנדערע, און ביי וועמען? ביי די מצריים! עהנליכעס זאָגט ער וועגען אַנדערע ספרים פון תנ״ך. אַלזאָ, אליבא דראַבאַי פינקעלשטיין האָבען מיר כמעט גאָרניט קיין אייגענס.

פּראָפעסאָר פינקעלשטיין באַנוגענט זיך ניט בלויז מיט כסדר צוזאַמען צו בינדען די טערמינען „דזשואיש־קריסטשען״, „קריסטשען־דזשואיש״, „סינאַגאָג

און טשוירטש", נאָר ער ציהט אפילו אַ פּאַראַלעל צווישען דער „שכינה" און דעם „הייליגען־גייסט"! אָט וואָס ער שרייבט:

„דער אמת'ער אַנאַלאָג (פּאַרגלייך), אין דער שפּעטערער טעאָלאָגיע, צום פּאַטריאַרכאַלישען „מלאך ה'" איז גע־ווען „שכינה" פון רבנישען אידענטום, און אין אַ געוויסען זין דער 'הייליגער גייסט' פון קריסטענטום".

"The true analogue in the later theology to the patriarchal 'angel of the Lord' was the 'Divine Presence' (*Shekinah*) of rabbinic Judaism and in a sense the 'Holy Ghost' of Christianity" (p. 160).

איהר צעקייט וואָס דער קאָנסערוואַטיווער ראַבאַי פינקעלשטיין, פּרעזידענט פון שעכטערס סעמינאַר, זאָגט? וואָלט אַ פּראָפעסיאָנעלער מיסיאָנער געקאָנט בעסער זאָגען?!

הערט ווייטער:

„די לעהרע פון דער רעטונג פון זינד, דורך וועלכער דעם קריסטענטום איז ענדליך באַשערט געווען צו באַזי־גען די גאַנצע רוימישע אימפּעריע, איז געווען דאָס מיטעל מיט וועלכען די פּרושים האָבען געוואונען די פּלעבע־יער, ווייניגסטענס פון יהודה, אויף זיי־ער זייט."

"The d o c t r i n e of salvation, through which Christianity was destined ultimately to conquer the whole Roman Empire, was the means whereby the Pharisee won the plebeians, at least of Judea, to himself" (p. 158).

אַלזאָ די חכמי התלמוד און דאָס קריסטענטום האָבען באַנוצט דאָס זעלבע מיטעל צו געווינען אַנהענגער. וואָס איז ער דערמיט אויסען?

שרייבט ראַבאַי פינקעלשטיין:

„פונקט ווי די קריסטען פון מיטעל־אַלטער האָבען געמאַכט פון זייערע לאָקאַלע געטער הייליגע און שלעכטע גייסטער, אַזוי האָבען די אידען פון אַמאָהל, אונטערגעבענדיג זיך דעם נביא'אישען מאָנאָטעאיזם [42]), געראַטע־וועט זייערע באַליבטע אורעלטערנ'ס מיטהוסען [43]) ביי צורעכענדיג זיי צו 'מלאכים'".

"Just as medieval Christians transformed l o c a l gods into saints and evil spirits, so the ancient Israelites, yielding to prophetic monotheism, saved their beloved ancestral myths by attributing them to 'angels'" (p. 163).

---

42) גלויבען אין איין גאָט.
43) אַן אויסגעטראַכט (לעגענדאַריש) באַשעפעניש.

און מיר פרעגען וואס לייגט ער אזוי איין די וועלט צו „באוויזען” אז עס איז „פונקט” ווי ביי זיי?

מיט די אלע „באוויזען” איז אבער ראבאי פינקעלשטיין נאך אלץ ניט צופרידען. איז אט וואס ער שרייבט:

„אין אנהויב פון דער קריסטליכער עפאכע, האט פאול, דער אפאסטאל פון די קריסטען, זיך דערקלערט אלס אפשטאמלונג פון שבט בנימין. א הונדערט יאהר שפעטער האבען רבי שמעון און רבי מאיר, די פארשטעהער פון פאטריציערשאפט אין דער אקאדעמיע פון רבי עקיבא, פארטיידיגט די בנימין'איטען און גע'טענה'ט אז דאס בית המקדש און רחל'ס קבר זיינען געווען איינערהאלב די גרעניצען פון שבט בנימין. און ענדליך, ארום דעם יאהר 200 פון דער איצטיגער צייטרעכענונג, געפינען מיר ווי רבי יהודה הנשיא, דער רייכסטער און געלערנדסטער פון זיין דור, באריהמט זיך אז ער שטאמט אפ פון אט דעם אלטען שבט”.

“At the beginning of the Christian Era, Paul, the Apostle of the Gentiles, announces himself as a Benjaminite. A hundred years later, R. Simon and R. Meir, the representatives of Patricianship in the School of R. Akiba, espouse the cause of the Benjaminites and claim that the Temple as well as the grave of Rachel were within the boundaries of the tribe. And finally, about the year 200 C. E., we find R. Judah the Prince, foremost in his generation both in wealth and learning, boasting of his descent from that ancient tribe” (p. 39).

איז וואס גערט עס ראבאי פינקעלשטיין אזוי איין לעבען צו באוויזען אז פאול, דער פאטער פון קריסטענטום, שטאמט פון דעם זעלבען שבט אין וועמענס גרענעצען דאס בית המקדש איז געשטאנען און פון וועלכען רבי יהודה הנשיא, וועמען אידען רופען „רבינו הקדוש”, שטאמט אפ? זיינען אט די אלע באמיהונגען זיינע בלויז צופאלען?

ביט נאר באמיהט זיך דער סעמינאר פרעזידענט פינקעלשטיין צו באווייזען גלייכהייטען צווישען אידענטום און קריסטענטום, נאר עס גערט איהם ממש אין לעבען צו באוויזען גלייכהייטען צווישען די לעהרער פון אידענטום און די לעהרער פון קריסטענטום. האט ער ארויסגעגעבען א בוך אין ענגליש מיט'ן נאמען „עקיבא”. (אגב, פארוואס ניט רבי עקיבא? זיין סמיכה איז ניט אזוי גוט ווי פינקעלשטיינ'ס דיפלאם? ווען א סעמינאר־סטודענט וואלט געוואגט רופען ראבאי פינקעלשטיין בלויז „פינקעלשטיין” וואלט דער קאנסערוואטיווער פליגעל

זיכער געהאַט אַ „כסא הראַבאַינות״ ווייניגער). איז אין אַט דעם בוך אַרבייט ראַבאַי פינקעלשטיין מעשים צו באווייזען אז די „צוויי לעהרער״ רבי עקיבא און פּאָול פון תרשיש — איהר הערט! רבי עקיבא דער גרעסטער תנא, און פּאָול פון תרשיש דער פאָטער פון קריסטענטום — זיינען געווען כמעט פון איין שטיק!

און נאָך דעם ווי ער „באַווייזט״ שוין אַז רבי עקיבא און פּאָול זיינען געווען כמעט „מעור אחד״, באַהויפּטעט ער נאָך אַז:

„ביידע האָבען זיך אונטערגענומען צו רעפאָרמולירען די טראַדיציעס וועלכע זיי האָבען אַקצעפּטירט״.

"Both undertook reformulations of the traditions which they had accepted" (See Akiba, p. 14-15).

אי, טאָמער וועט מען פרעגען סטייטש, אפילו אַ צווילינג איז דאָך אויך ניט הונדערט פּראָצענט גלייך? קעהרט ער וועלטען צו „באַווייזען״ אַז אדרבה:

„די דאָזיגע ברייטע אונטערשיידען טהוען נאָר באַטאָנען זייער איבעררא־שענדע גלייכאַרטיגקייט אין לעבען און אומשטענדען״.

"These wide divergencies only emphasize their amazing similarities in life and circumstance." (ibid.)

אַז עס געהט איהם אין לעבען איז דאָך ניט שייך!

אַט דער רבי עקיבא וועלכער ווערט פאַררעכענט ביי אידען פאַר דעם גרעסטען תנא; אַט דער רבי עקיבא וועמענס נאָמען עס איז געגאַנ־גען פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערען[44]; אַט דער רבי עקיבא וועגען וועלכען משה רבינו האָט געזאָגט צו גאָט: „יש לך אדם כזה ואתה נותן תורה על ידי״[45] — דו האָסט אַזאַ מענשען און דו גיבסט די תורה דורך מיר; אַט דער רבי עקיבא מיט וועמענס טויט עס זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרען אַלע קוואַלען פון תורה און חכמה[46]; אַט דער רבי עקיבא צו וועמען רבי טרפון האָט געזאָגט: „כל הפורש ממך כפורש מחייו״[47] — ווער עס שיידעט זיך אָפּ פון דיר איז ווי ער וואָלט זיך אָפּשיידען פון זיין לעבען; אַט דער רבי עקיבא וועלכער האָט זיך פאַר קידוש השם געלאָזט רייסען דאָס לייב מיט אייזערנע קעמלען און זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען מיט אחד[48] — אַט

44) יבמות טז, א.
45) מנחות כט, ב.
46) סוטה מט, ב.
47) תוספתא מקואות סוף פרק א, הוצאת צוקערמאנדל.
48) ברכות סא, ב.

דעם רבי עקיבא פאַרגלייכט ראַבאַי פינקעלשטיין מיט פּאָולען, וועלכער האָט געשאַפען די קריסטליכע רעליגיע פון דריי איינינקייט!

ווען אַזעלכע באַהויפּטונגען קומען פון אַ פּראָפעסאָר פאַר ראַבאַיס זיינען זיי אַ געפאַר פאַר די אינטערעסען פון אידישקייט. אויב אידענטום און קריס־טענטום זיינען כמעט איינס און דאָס זעלבע; אויב רבי עקיבא און פּאָול זיינען כמעט איינס און דאָס זעלבע; אויב די מעשיות פון ספר בראשית זיינען אַ העברעאישע איבעראַרבייטונג פון עלטערע ערצעהלונגען וועלכע מיר האָבען גענומען ביי אַנדערע פעלקער און אריינגעשטעלט אין אונזער תורה; אויב דער געבער פון דער תורה איז געווען אַ פּלאַגיאַטאָר, אַ ליטעראַטור גנב; אויב די חכמי התלמוד, לויט וועמענס לעהרעס מיר לעבען אַלס אידען, זיינען געווען דאָס וואָס ראַבאַי פינקעלשטיין מאַכט פון זיי; איז צו וואָס זיין אַ איד, גלויבען אין אונזער תנ״ך, האַלטען פון רבי עקיבא, רבי טרפון, רבי ישמעאל און אַלע חכמי התלמוד און וועהרען דערפאַר געיאָגט און געפּלאָגט, איז דאָך שוין גלייכער צו האַלטען פון פּאָולען, ווערען אַ גוי און לעבען ווי גאָט אין אַדעס!

אפילו אַ משומד האַלט אַז פינקעלשטיין איז ניט געאייגענט צו שילדערען רבי עקיבא. רעצענזירענדיג דאָס בוך „עקיבא״ אין דער ניו יאָרק טיימס, שרייבט דזשאָן קאָרנאָס, וועלכער האָט אַנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען:

„עס איז אַן אויפגאַבע וואָס וואָלט גלייכער געווען ניט צו פּרובירען, באַזונדערס ווען דעם פּראָפעסאָר'ס פאַרשטעלונגס־קראַפט איז פון אַ טרוקע־נעם (ניט אינטערעסאַנטען) מישמאַש״...

"It is a task that had been better not attempted, particularly as the author's imagination is of a dry variety...."

נאָכדעם ווי ראַבאַי פינקעלשטיין איז געוואָרען פּרעזידענט פון שעכטערס סעמינאַר, האָט ער אָנגעהויבען נאָך פלייסיגער זיך צו חנפ'ענען צו דער קריסט־ליכער וועלט. זיין אַרונטעררייסען די עכטקייט פון תנ״ך, דאָס וואַרפען בלאָטע אויף די קעפּ פון די חכמי התלמוד, זיין האַלטען אין איין גלאָריפיצירען פּאָולען, דעם גרינדער פון קאַטוילוציזם, זיינען געווען, ווי עס ווייזט אויס, בלויז פאָר־באַרייטונגס־שריט פאַר זיין אמת'ע אַטאַקע אויף דעם גאַנצען פאָלק ישראל. באַאונרוהיגט וואָס מיר אידען אַנערקענען ניט אונזער דאַנק־שולדיגקייט צו דער קריסטליכער קירכע, באַקלאָגט זיך פּראָפעסאָר פינקעלשטיין:

„די דאַנק־שולדיגקייט פון דער פריהערער קריסטליכער קירכע צום אידענטום פון יענער צייט פאַר פיעלע פון איהרע באַגריפען און פאַר איהרע פונדאַמענטאַלע פאָרמען פון גאָטעס־

"The indebtedness of the early Christian Church to contemporary Judaism for many of its concepts and for its fundamental forms of worship are well recognized. What

דיענסט איז וואויל אנערקענט. וואָס איז וויניגער וואויל אנערקענט איז די גרויסע דאַנק־שולדיגקייט פון דעם אי־דענטום צו די קריסטליכע קירכעס״.

is less well recognized is the great indebtedness of Judaism to the Christian Churches."

איהר הערט! משה רבינו האָט געלעבט מיט אַ פינפצעהן הונדערט יאָהר פאַר יעזוס׳ן; אַלע נביאים האָבען געלעבט פאַר יעזוס׳ן, פאַר׳ן קריסטענטום און פאַר די קריסטליכע קירכעס. און דאָך באַשולדיגט אונז דער פּרעזידענט פון שעכטערס סעמינאַר אין ניט אַנערקענען אונזער דאַנק־שולדיגקייט צו דער קריסטליכער קירכע!

קיין מיסיאָנער אין דער וועלט וואָלט ניט געקענט קאָנסטרואירען אַ בעסע־רען זאַץ פאַר זיין צוועק! דאָס מיסיאָנערסקע בלעטעל "The Dawn" פון נאָוועמבער־דעצעמבער 1942, כאַפּט זיך טאַקע אָן אין פינקעלשטיינס באַ־הויפּטונג און, אין אַן אַרטיקעל געגען מיר, שרייט עס אויס: „נו, איז וואָס? צי עס געפעלט דיר צי ניט, עס איז אמת״! דאָס בלעטעל האַלט אפילו אַז מען דאַרף ניט מורא האָבען אַז דער סעמינאַר וועט ווערען אַן אינסטיטוציע פאַר פּראָפּאַגאַנדירען קריסטענטום, און רופט גלייכצייטיג אויס:

„הלואי, גאָטעניו! קריסטענטום איז געבוירען געוואָרען אין ישראל; און אין ישראל איז זיין „היים קלי־מאַט״.

"*Halvai, Gotenu!* Christianity was born in Israel; and in Israel is its 'home climate.'"

דער פאַקט וואָס אַ פּרעזידענט פון אַ ראַבאַי־סעמינאַר, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען מיט דעם צוועק צו פאַרשפּרייטען טראַדיציאָנעל אידישקייט, איז אַזוי אייפעריג פאַרנומען מיט יעזוס׳ן, פּאָול׳ן און קריסטענטום, מוז אַרויסרופען גרויס חשד.

ווען מיר לייענען אין די צייטונגען אַז דער „סעמינאַר גיט קורסען וועגען דעם הינטערגרונד פון קריסטענטום״, מוז מען פרעגען וואָס איז פינקעלשטיין, פּרעזידענט פון דעם סעמינאַר, דערמיט אויסען?

כדי דער יעזוס־גייסט זאָל נאָך מעהר אַרומשוועבען אין די אוידיטאָריאומס פון סעמינאַר, האָט פּראָפ. פינקעלשטיין איינגעלאַדען דעם שריפטשטעלער שלום אַש, פאַרפאַסער פון דעם בוך „דהי נאַזאַרין״ — דער נוצרי — ער זאָל, אַפּנים, אַריינשפּריצען אין די צוקונפטיגע ראַבאַיס זיין אייפעריגע פאַרעהרונג פאַר יעזוס׳ן. די סאָציאַליסטישע צייטונג „דער פאָרווערטס״ האָט בשום אופן ניט געוואָלט דרוקען שלום אַש׳ס בוך, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער איז אַ מיט־גליד פון דעם רעדאַקציע־סטעף און אַ מיטאַרבייטער פון „פאָרווערטס״ איבער

דרייסיג יאָהר. אָבער פינקעלשטיין, דער לעהרער פון **ראַבאַיס, האָט איהם איינגעלאַדען** ער זאָל פאַרשפּרייטען זיינע טעאָריעס וועגען **יעזוס'ן אין די חדרים** פון שעכטערס סעמינאַר. די אידישע וועלט, אַ גרויסער טייל **פון ראַדיקאַלען** פליגעל אריינגערעכענט, איז שרעקליך אויפגערעגט אויף **שלום אַש פאַר אַט** דער אונגליקליכער ליטעראַרישער שאַפונג, אָבער פאַר **ראַבאַי פינקעלשטיין** איז דאָס אַן „אבן טוב".

אַלס פּרעזידענט פון שעכטערס סעמינאַר האָט **פּראָפעסאָר פינקעלשטיין** געגרינדעט אַן אינסטיטוט פאַר אינטערדינאָמינאַציאָנאַלע שטודיען. **איז ווער אַ** שטייגער האָט דערויף געגעבען אַ הסכמה, אַ גרויסער גאון? **אַן אָנגעזעהענער** רב? אַ באַוואוסטער תלמיד חכם? חס וחלילה! **ענטציקט פאַר דעם דאָזיגען** שריט איז דער רעוו. דר. הענרי סלאָאן קאָפין, **פרעזידענט פון דעם ניו יאָרקער** יוניאָן טעאָלאָגישען סעמינאַר (אַ סעמינאַר פאַר גלחים). **ער האָט עס אינדאָר־** סירט און אָט פאַר וואָס, ער שרייבט:

„איך ווילקאָמע דעם פאָרגעשלאָגענעם פּלאַן פאַר אַן אינסטיטוט פון אינטערדינאָמינאַציאָנאַלע שטודיען אין פאַרבינדונג מיט דעם אידישען טעאָלאָגישען סעמינאַר. עס איז זעהר וויכטיג אַז גלחים און ראַבאַיס זאָלען פאַרשטעהן די זעהר גרויסע געמיינשאַפטליכע ירושה וועלכע די צוויי רעליגיעס טיילען, און דער פאָרגעשלאָגענער אינסטיטוט שיינט מיר צו געבען אַ מעגליכקייט פאַר אַזעלכע גרופּען צו ערווערבען פיעל ווערטפולע אינפאָרמאַציע.

אַלץ וואָס ציהט קריסטענטום און אידענטום מעהר נעהנטער צוזאַמען אין די דאָזיגע ביטערע טעג דאַרף זיין האַרציג ווילקאָמען, און באַזונדערס אַזאַ אינטעליגענטער פּלאַן ווי דער דאָזיגער".

"I welcome the proposed plan of the Institute of Interdenominational Studies in connection with the Jewish Theological Seminary. It is very important that Christian clergymen, as well as Jewish rabbis, understand the very large common heritage which the two religions share, and the proposed institute seems to me to furnish an opportunity for such groups to acquire much valuable information.

"Anything which draws Christianity and Judaism more closely together in these bitter days is to be heartily welcomed and particularly so intelligent a plan as this."

איהר הערט פאַרוואָס דער פרעזידענט פון גלחים־**סעמינאַר איז צופרידען?** ווייל עס וועט ברענגען קריסטענטום און אידענטום מעהר נעהנטער צוזאַמען!

ווען אַ קריסט רעדט פון ברענגען קריסטענטום און אידענטום צוזאַמען מיינט ער ניט אַז קריסטען זאָלען אויפגעבען זייער רעליגיע, נאָר אַז די אידישע רעליגיע זאָל בטל בששים ווערען. דר. קאַפּין איז אַ זעהר פיינער, ליבעראַלער מענש און אַן איבערגעגעבענער קריסט וואָס טהוט אַלץ צו פאַרשפּרייטען זיין רעליגיע ווי אַ קריסט דאַרף טהאָן. ער זאָגט אַפילו אַז יעקב אבינו האָט געהאַט פיינע מעלות, נאָר פונדעסטוועגען „רייבט" ער איהם אַריין און זאָגט אַז ער איז „ניט קיין באַליבטער כאַראַקטער", אַז ער באַזיצט „געמיינע, פאַסקודנע כאַ־ראַקטער־שטריכען", און אַז ער וויל זאָגען מוסר די ענגליש־שפּרעכענדע פעל־קער טהוט ער אַ זאָג:

„פונקט ווי יעקב זיינען מיר קאַ־מערציאַל, קאָנקורירענד און ניט צו פיעל געוויסענהאַפט ווי אַזוי מיר נעמען וואָס מיר ווילען. מיר זיינען אַזוי כיט־רע, אַגרעסיוו און גיעריג ווי דער דאָ־זיגער היברו".

"Like Jacob we are commercial, competitive and not too much scrupulous how we take what we want. We have been so shrewd, aggressive and covetous as this Hebrew."

איז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט אין זיין „סוירמען" וועגען די ענגליש־רעדענדע פעלקער וועלען זיינע גוי'אישע צוהערער מיט איהם ניט מסכים זיין און וועלען עס סאַי ווי פאַרגעסען. אָבער וואָס ער האָט געזאָגט וועגען יעקב אבינו דאָס וועלען זיי אַלע געדענקען. איז אָט מיט דעם גלח'ס הסכמה איז עס פינקעלשטיין, דער ערציהער פון ראַבאַיס, אַזוי צופרידען.

און וואָס פינקעלשטיינ'ס בוך „די פרושים" לערנט קען מען אַמבעסטען זעהן טאַקע פון דעם דאָזיגען דר. קאַפּינ'ס ווערטער. רעצענזירענדיג דאָס בוך אין דער „ניו יאָרק טיימס", שרייבט דר. קאַפּין צווישען אַנדערעס:

„צופעליגערווייזע, קריסטען וועלען באַמערקען אַז פאַרטיי שרייבער פון איין טייל פון די פרושים האָבען באַנוצט ווייט מעהר ביטערע ווערטער געגען זייערע געגנער פון דער זעלבער פאַר־טיי, ווי די עוואַנגעליסטען דערצעהלען פון יעזוס'ן".

"Incidentally, Christians will notice that partisan writers of one faction of Pharisees spoke far more bitter words against their opponents of the same party than the evangelists record of Jesus."

דאָס הייסט אַז די זידלערייען מיט וועלכע די חכמי התלמוד האָבען זיך איינס דאָס אַנדערע באַליידיגט זיינען געווען פיעל ביטערער פון די מיט וועלכע

יעזוס זידעלט זיי. אַט אַזעלכע געדאַנקען קריגט מען ווען מען לייענט פּראָ־פעסאָר פינקעלשטיינ׳ס בוך. און אַט אַזוי חנפ׳ט ער זיך צו די גוים.

איז וואָס עס ווערט געלערנט אין דעם דאָזיגען אינסטיטוט וואָס איז פאַר־בונדען מיט דעם שעכטער־סעמינאַר, און וואו גלחים זיינען די לעהרער, קען מען זיך שוין משער זיין. אָבער דער פאַקט וואָס דער דאָזיגער אינסטיטוט האָט געהייסען „אינסטיטוט פון אינטערדינאָמינאַציאָנאַלע שטודיען״ האָט מען לכל הפחות געוואוסט וואָס מען קען דערפון ערוואַרטען. שפּעטער, אָבער, האָט ראַבאַי פינקעלשטיין געביטען דעם נאָמען אויף „אינסטיטוט פאַר רעליגיעזע שטודיען — אַ גראַדואירונגס־שולע געפיהרט מיט דער קאָאָפּעראַציע פון קאַטוי־לישע אידישע און פּראָטעסטאַנטישע געלעהרטע״. (איז דאָס אַריינשטעלען „אי־דישע״ צווישען קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע בלויז אַ צופאַל?) דאָס מיינט פשוט אַז שעכטערס סעמינאַר באַוואָפענט די ראַבאַיס מיט די קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע לעהרעס. און אין דעם פּרט, מוז איך מודה זיין, איז ראַבאַי פינקעלשטיין אויסגעהאַלטען. ער פסק׳ענט ניט בלויז להלכה, נאָר טאַקע למעשה. און לשיטתו דאַרף טאַקע אַזוי זיין. וואָרום ווי באַלד אַז אידענטום און קריס־טענטום איז כמעט איינס און דאָס זעלבע דאַרפען טאַקע ראַבאַיס קענען אַ פּרק קאַטויליציזם און אַ פּרשה פּראָטעסטאַנטיזם.

אַז מען זאָגט „אלף״ מוז מען דאָך שוין זאָגען „בית״. ווי באַלד אין סעמינאַר געפינט זיך אַן אינסטיטוט פאַר קריסטליכע לעהרעס, איז דאָך ניט מעהר ווי לאָגיש אַז גלחים זאָלען „זאַלבען״ די ניי־אויפגענומענע תלמידים און די ניי־אויפגענומענע פּראָפעסאָרען פון סעמינאַר. און כך הוה, אַזוי איז עס טאַקע געווען.

זונטאָג, אָקטאָבער 19, 1941 ווען עס איז געפייערט געוואָרען דאָס איבער־נעהמען די קאַטעדרעס דורך די נייע לעהרער, האָט אין זאַל אַריינמאַרשירט אַ פּראָצעסיע פון גלחים, און האָבען פאַרנומען, פאַרשטעהט זיך, דעם אויבען־אָן. דער הויפּט רעדנער ביי דער דאָזיגער פייערונג איז געווען דר. דזשאָהן א. מאַקקיי, איינער פון די פיהרענדע גייסטער פון דער פּרעסבעטעריאַנער מיס־יאָנערישער באַוועגונג. ווי אַ געטרייער איבערגעגעבענער קריסט האָט ער גלאָ־ריפיצירט יעזוס׳ן, און ער האָט אַפּעלירט אַז די אידען זאָלען אָננעהמען יעזוס׳ן, אברהם אבינו׳ס אויסדערוועלטעסטען זוהן.

קען מען דאָך טענה׳ען אַז פּראָפעסאָר פינקעלשטיין האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ „סיורפּרייז״ דר. מאַקקיי האָט געהאַט. איז דער תירוץ אַז אַ פאַר וואָכען נאָך דעם דאָזיגען סיורפּרייז האָט דער זעלבער דר. מאַקקיי נאָך אַמאָהל דאָרט רעפערירט.

און דר. מאַקקיי איז ניט דער איינציגער גלח צווישען די לעקטאָרען און רעדנער וועמען פּראָפעסאָר פינקעלשטיין האָט איבערגעגעבען די קאַטעדרעס צו פאַרשפּרייטען די קריסטליכע לעהרעס.

די קורסען זיינען געגעבען געוואָרען פון: ראָלאַנד הערבערט ביינטאָן, מורהאאוז מילאר, דזשי. סילי ביקסלער, דזשאָרדזש פּ. טאָמאָס, האנטער גוטהרי, ראָבערט לאָרי קעלהון, ראָבערט מ. מעקיוועו, ליסטאָן פּאופּ, דזשאָהן קורטני מוררעי, ה. ריטשאַרד ניעבוהר, דאָגלאָס ו. סטיר, דזשאָן א. מאקקיי, פּאול דזשיי. טילליך, אנטאן סי. פּעגיס, מושענג ה. ליו, אנאנדא ק. קומאראסוואמי, דזשאָרדזש פ. מיכאעלידעס, פּיליפּ ק. חיטי, הו שי.

די רעדנער זיינען געווען: הענרי סלאָאן קאָפּין, לוטהער א. וועגלע, א. דזשיי מוסטע, דזשאָרדזש א. באטריק, ערווין עדמאן, פּילמער ס. סי. נאָרטהראָפּ, ראָבערט לאָרי קעלהון, ליסטאן פּאפּ, הארלא שאפּלי, ה. ריטשאַרד ניעבהור, זשאק מאריטאן, דזשאהן א. מאקקיי, פּיטירים א. סאָראָקין, דייוויד אי. ראָבערטס, דזשאהן לאַפאַרדזש.

פון די ניי־צוגעקומענע פּראָפעסאָרען פאַר דעם זמן 1942־43 זיינען: פּ. ערנעסט דזשאָהנסאָן, פּרענציס דזשיי. מעקקאנעל, הענרי פּ. וואן דוזען, רעי־מאנד לעסלי בועל, לארעל ק. פראַנק, דזשאָרדזש ס. קאאונטס, קלאָד איגעלטאָן, דזשאָהן א. פּיטש, עדמונד דע ס. ברונגער, קלאיד ר. מיללער, פּעליקס מאָרלי, וויליאַם פּ. אלבראיט, פראַנציס דיק, מאָקס אסקאלי, אלעין ל. לאק, דזשאָרדזש נ. שוסטער, סטוארט ג. קאול, קרישנאלאל שרידהאראני.

* * *

[אָכדעם ווי מיין אַרטיקעל: „ווערט דער אידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר אַ געסט פאַר מיסיאָנערען?” איז ערשינען אין דעם „דזשואיש ספּעקטייטאָר” פון יאַנואַר 1942, האָט ה' א. ש. אורלאַנס פאַרעפענטליכט אַן אַרטיקעל אין „הדאר” (גליון יב, תש”ב) געגען מיר. האָב איך איהם געענטפערט אין „הדאר” (גליון י”ד), ניט אויף די פּערזענליכע באַליידיגונגען, פאַרשטעהט זיך, און אָנ־געוויזען אַז ער באַמיהט זיך אפילו ניט אָפּצולייקענען כאָטש איין ציטאַט פון די פיעלע וועלכע איך ברענג פון דר. פינקעלשטיינ׳ס שריפטען. דאַן האָבען הרב יעקב לעווינזאָן און, עטליכע וואָכען שפּעטער, הרב נחום בן חורים פאַר־עפענטליכט אַרטיקלען („הדאר”, גליונות יט, כד) וועלכע פאַרטרעטען מיין שטאַנדפּונקט.

האָט מען אָפּנים, אָנגעהויבען פרעגען די פיהרער פון שעכטערס סעמינאַר, ס׳טייטש! היתכן! האָט דר. ראובן גורדיס, איינער פון די נייע פּראָפעסאָרען וועלכע האָבען געהאַט דעם כבוד „געזאַלבט” צו ווערען דורך דעם מיסיאָנער דר. דזשאָהן א. מאקקיי, פאַרעפענטליכט אַן אַרטיקעל אין „הדאר” (גליון כא) „לא דבים ולא יער”, נעמליך אַז אַלץ וואָס איך האָב געשריבען איז ניט געשטוי־גען און ניט געפלויגען. קען מען דאָך מיינען אַז ער לייקענט אָפּ כאָטש אַן איין און איינציגע שטעלע פון די פיעלע ציטאַטען וועלכע איך ברענג פון פּראָפעסאָר פינקעלשטיינ׳ס ביכער און אַרטיקלען, איז הויבט זיך ניט אָן און

לאָזט זיך ניט אויס. געדענקט, אפילו קיין איין און איינציגען ציטאַט וואָס איך ציטיר פון פּראָפעסאָר פינקעלשטיינ'ס שריפטען לייקענט ער ניט אָפּ. דערפאַר אָבער ענטהאַלט זיין אַרטיקעל עטליכע פּערזענליכע באַליידיגונגען.

אַזוי ווי איך האָב אויף זיין אַרטיקעל ניט געענטפערט, האָט דר. גורדיס, און אפשר אויך די פיהרער פון דעם סעמינאַר, דאָס אַפּנים אויסגעטייטשט אַז דער אַרטיקעל האָט מיר דערלאַנגט אַ „נאַק־אַוט". נאָכמעהר, מען האָט דר. גורדיסעס אַרטיקעל איבערגעזעצט אויף אידיש און דער „ראַביניקעל אַסעמ־בלי" — די גראַדואירטע ראַבאָיס פון שעכטערס סעמינאַר — האָט עס אַרויס־געגעבען אין העברעאיש, מיט דער אידישער איבערזעצונג, אין פּאַמפלעט פאָרם. נו, מוז מען דאָך שוין ענטפערן.

נאָר איידער מיר ענטפערן, ווילט זיך פרעגען: פאַרוואָס האָט דר. גורדיס ניט געענטפערט אין „דזשואיש ספּעקטייטאָר", וואו מיין אַרטיקעל איז ערשינען, כדי די לעזער פון מיין אַרטיקעל זאָלען לייענען זיין ענטפער? מילא הערר אַ. ש. אורלאַנס האָט ניט געשיקט זיין קריטיק צום „דזשואיש ספּעקטייטאָר", איז אפשר קען ער ניט קיין ענגליש, אָדער אפשר האָט ער זיך געטראַכט אַז אַזוי ווי איך בין אַ רעדאַקטער פון דעם „דזשואיש ספּעקטייטאָר" וועלען מיר אפשר זיין אַרטיקעל ניט דרוקען. אָבער דר. גורדיס קען דאָך ענגליש, און ער האָט דאָך געהאַט גענוג אורזאַכע צו דענקען אַז דער „דזשואיש ספּעקטייטאָר" וועט יאָ דרוקען זיין אַרטיקעל: וואָרום ווען אין „דזשואיש ספּעקטייטאָר" איז ערשי־נען אַ קריטיק איבער זיין בוך וועלכע איז איהם ניט געפעלען, און ער האָט אַריינגעשיקט אַ פּראָטעסט־בריעף, האָט דער „דזשואיש ספּעקטייטאָר" דעם בריעף פאַרעפענטליכט פּונקט אַקוראַט ווי ער האָט געוואָלט. וואָרום מיר האַלטען אַז יעדער איינער איז באַרעכטיגט צו זיין מיינונג.

אַלזאָ, דר. גורדיס הויבט אָן זיין פּאָלעמיק מיט די ווערטער:

„ווען עס איז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק דערשינען אַ נייע סעריע פּאַסקוויל־אַרטיקלען מיט אָנפאַלען אויף דעם אידישען טעאָלאָגישען סעמי־נאַר, באַקאַנט אַלס שעכטערס סעמינאַר, און זיין ראש, איז פאַר די וואָס זיינען באַהאַוועט אין דעם ענין געווען אַ קנאַפּער וואונדער.

שוין גאַנץ לאַנג ווי דער פאַרפאַסער פון אָט די אַרטיקלען, דר. אהרן ראַזמאַרין, ווייזט אַרויס צו דער דאָזיגער אינסטיטוציע, איהרע לעהרער און אָנפיהרער, אַ שנאה און אַ קנאה, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ „קנאת ד' צבאות" און איז אין דער אמת'ן געבויט אויף קריוודעס און פניות ריין פּערזענליכע" (זייט 13).

איז ערשטענס, וואָלט אַזאַ „עקזאַקטער" וויסענשאַפטלער ווי דר. גורדיס, וועלכער איז מקפיד אויף אַ קוצו של יוד אין תנ"ך און איז איהם „מתקן"

מ'שטיינס געזאָגט, ניט באַדאַרפט אָנרופען איין אַרטיקעל „אַ נייע סעריע"...
צווייטענס פּאַסט עס ניט פאַר אַ ראַבאַי און אַ לעהרער אין אַ ראַבאַי־סעמינאַר,
פון וועמען די צוקונפטיגע ראַבאַיס דאַרפען אויסער „וויסענשאַפט" זיך אויך
אָפּלערנען גוטע מאַניערען, אָנצורופען אַן אַנדער מענשענ'ס אַרטיקלען „פאַס־
קוויל־אַרטיקלען". פּאָלעמיזירען יאָ, אָבער באַליידיגען איז ניט מעשה דזשענ־
טעלמאַן, עס פּאַסט ניט פאַר אַ פּראָפעסאָר. איך מוז אָבער פונדעסטוועגען דן
זיין דר. גורדיס לכף זכות, וואָרום אַז מען האָט ניט קיין פאַקטען באַנוצט מען
זיך מיט זידלערייען.

דר. גורדיס שרייבט אַז מיין אַרטיקעל איז: „געבויט אויף קריוודעס און
פניות ריין פערזענליכע". איז אויב דר. גורדיס וועט די דאָזיגע באַהויפּטונג
ניט שטיצען מיט דאָקומענטאַרישע באַווייזען, אָדער מיט עדים, וועט דאָס ניט
נאָר מוזען באַטראַכט ווערען אַלס אַבסאָלוט פאַלשער בלבול, נאָר איך וועל איהם
אפשר רופען צו א דין תורה. איך וועל איהם געוויס ניט סטראַשען, ווי פּראָפע־
סאָר פינקעלשטיין האָט געסטראַשעט א וויכטיגען און אָנגעזעהענעם אידישען
שרייבער מיט א „לאָיער־לעטער" דערפאַר וואָס ער האָט אין אַן אַר־
טיקעל אין א אידישער צייטונג איהם קריטיקירט פאר זיין פאַרשוועכען דעם כבוד פון דער תורה און פון די חכמי התלמוד. (אַ פּרעזידענט פון אַ
ראַבאַי־סעמינאַר איז ניט מסכים מיט דער קריטיק פון אַ אידישען שרייבער,
וויל ער פּאָלעמיזירען מיט איהם וועגען אידישע רעליגיע און אידעאָלאָגיע
דוקא אין אַ גוי'אישן געריכט. משומדים און גלאַט שונאי ישראל אין מיטעל־
אַלטער פלעגען צווינגען אידען צו עפענטליכע דעבאַטעס וועגען רעליגיע,
אָבער פאַר אַ ראַבאַי, און פּרעזידענט פון אַ ראַבאַי־סעמינאַר, דוכט זיך, פּאַסט
עס ניט).

איצט הערט אַ המצאה פון דר. גורדיס. מיין אַרטיקעל וועלכער איז
ערשינען אין דעם „דזשואיש ספּעקטייטאָר" יאַנואַר 1942, און אויף וועלכען דר.
גורדיס האָט געענטפערט ענטהאַלט אַ היבשע צאָהל ציטאַטען פון פּראָפעסאָר
פינקעלשטיינ'ס שריפטען. נאָר אַזוי ווי ער קען ניט אָפּלייקענען אפילו איינעם
פון זיי, באַציהט ער זיך אויף מיינעם אַן אַרטיקעל וואָס איך האָב געשריבען
וועגען פּראָפעסאָר מרדכי מ. קאַפּלאַנ'ס בוך אין 1934, מיט קנאַפּע אַכט
יאָהר פריהער, און טענה'ט אַז איך האָב ניט ריכטיג אויסגעטייטשט אַ שטעלע
אין פּראָפ. קאַפּלאַנ'ס בוך. איהר הערט איין אַנפאַל! איך שרייב אין 1942
וועגען פינקעלשטיינען, רעדט ער וועגען אַ ציטאַט אין מיין אַרטיקעל פון 1934
וועגען פּראָפ. קאַפּלאַן! שטראָם גראָם מאַך מיר אַ לעטניק.

אַזוי ווי, אָבער, דר. גורדיס ווילט זיך דוקא אַריינציהען פּראָפ. קאַפּלאַן,
מוז איך זיך דאָך פאַרטיידיגען, וועל איך ציטירען דר. גורדיסעס אייגענע
ווערטער. מיט אַ פאַר יאָהר צוריק האָט ער אַליין געשריבען אַז ער קען זיך

ניט אָנשליסען אין פּראָפעסאָר קאַפּלאַנ׳ס באַוועגונג וועלכע ער באַטראַכט אַלס דעם „לינקען פליגעל״ פון קאָנסערוואַטיזם. אַז פּראָפעסאָר פינקעלשטיין פאַר־טרעט דעם רעכטען פליגעל פון קאָנסערוואַטיזם, קען מען זיך שוין משער זיין וואָס דער „לינקער פליגעל״ לערנט. און טאַקע אין זיין אייגענעם פּאַמפלעט געגען מיר שרייבט דאָך דר. גורדיס אַליין אַז „וועגען פיעל״ פון די אויספיה־רונגען פון פּראָפעסאָר קאַפּלאַנ׳ס בוך „לאָזט זיך טאַקע דיסקוטירען״ (זייט 13). און אפילו דר. סעמיועל ה. גאָלדענזאָן, ראַבאַי פון דעם רעפאָרם טעמפּעל „עמנואל״ האַלט אַז נאָר רעליגיע קען אויפהאַלטען דאָס אידישע פאָלק, און ער קריטיקירט שטאַרק פּראָפעסאָר קאַפּלאַן פאַר זיין וועלען מאַכען פון דער אידישער רעליגיע אַ ציוויליזאַציע.

איבעריגענס, פּראָפעסאָר קאַפּלאַנ׳ס אַנשויאונגען וועגען דער אידישער רע־ליגיע זיינען גוט באַקאַנט. מיר וועלען זיך דאָ באַנוגענען מיט בלויז איין ביי־שפּיעל. אין זיין בוך Judaism As A Civilization (זייט 440־441) שרייבט פּראָפ. קאַפּלאַן אַז: אין דער נעקסטער סטאַדיע פון דער אידישער ציוויליזאַציע (די נייע רעליגיע וואָס ער פּרעדיגט) וועט דער אונטערשיעד צווישען כשר און טריפה ניט אָפּגעהיט ווערען ווי אַ גאָט־געגעבען געזעץ. אָבער די אונטערשיעדען דאַרפען אָפּגעהיט ווערען ווי טראַדיציאָנעלע פאָלקס־וועגען וועלכע געבען צו אַ ספּעציפישע אידישע אַטמאָספערע אין הויז... און ווי באַלד דער הויפּט צוועק פון דער דאָזיגער אויפפיהרונג איז צו צוגעבען אַ אידישע אַטמאָספערע אין הויז, איז ניטאָ קיין אורזאַך פאַר ליידען די אונ־באַקוועמליכקייטען וועלכע זיינען דער רעזולטאַט פון שטרענגען אָפּהיטען (כשרות) אויסערהאַלב דער היים.

„פון דעם שטאַנדפּונקט דרינגענד רעקאָמענדירט דאָ וועט ניט זיין קיין אונרעכט פאַר אַ אידען צו עסען פריי אין אַ גוי׳איש הויז, און זיך אָפּהאַלטען פון עסען טריפה אין אַ אידיש הויז״.

"From the standpoint urged here it would not be amiss for a Jew to eat freely in the house of a Gentile, and to refrain from eating *trefa* in the house of a fellow-Jew."

קען מען דאָך מיינען אַז דאָס איז לכל הפחות פּראָפעסאָר קאַפּלאַנ׳ס אַן אָרי־גינעלער געדאַנק. איז דער פאַקט ניט אַזוי. ער האָט עס נעמליך גענומען פון דער קריסטליכער ביבעל. פּאָול, דער גרינדער פון קריסטענטום, זאָגט בפירוש:

„אויב איינער פון די וועלכע גלויבען ניט לאַדט אייך איין צו אַ מאָהל־

"If any one of them that believe not bid you to a feast, and

צייט, און איהר זייט געגויגט צו געהן; איז אַלץ וואָס מען וועט אייך סערווירען זאָלט איהר עסען, ניט פרעגענדיג קיין שום פראַגע צוליעב דעם געוויסען״.

ye be disposed to go; whatsoever is set before you, eat, asking no question for conscience sake" (1 Corinthians, 10, 27).

אָבער צו וואָס ברענגען ביישפּילען, ווען פּראָפעסאָר קאַפּלאַן, אַ לעהרער אין שעכטערס סעמינאַר, שרייבט אין דער „צוקונפט״ פון דעצעמבער 1942 אַז:

„טייל מענשען, ווי דער מחבר פון די שורות, זיינען אָנגעשטעקט מיט אַ געפיל פון ווירקלעכקייט, וואָס מאַכט אַבסאָלוט אוממעגליך, אַז זיי זאָלען טראַכטען אַז דער איבערנאַטירלעכער אויפקום פון דער תורה (תורה מן השמים) לייגט זיך אויפ׳ן שכל, איידער די לעגענדע, אַז דער יאַפּאַנעזישער אימפּעראַטאָר שטאַמט פונעם זונגאָט״.

אין אַנדערע ווערטער פּראָפעסאָר קאַפּלאַן קען ניט גלויבען אין תורה מסיני, פונקט ווי ער קען ניט גלויבען אַז דער יאַפּאַנישער אימפּעראַטאָר שטאַמט פון דעם זונגאָט. און אַז מען גלויבט ניט אין תורה מסיני איז דאָך אויס מיט דער אידישער רעליגיע; איז צו וואָס טאַקע כשרות, ווען טריפה פלייש איז ביליגער, איז צו וואָס אָפּהיטען שבת, און ניט זונטאָג, און אַזוי ווייטער.

דר. גורדיס שרייבט אַז אויף מיין אַרטיקעל פון 1934 האָט דר. דע סאָלאַ פּול מיר געענטפערט מיט אַן אַרטיקעל. אמת. אָבער פאַרוואָס פאַרשווייגט ער אַז איך האָב געענטפערט דר. פּול מיט אַן אַרטיקעל? דאָס איז דאָך שוין גאַר־ניט מעשה ספּאָרט!

אָבער אַזוי ווי אין מיין אַרטיקל האַנדעלט זיך וועגען פּראָפעסאָר פינקעל־שטיין וועל איך זיך האַלטען ביי דער טעמע.

דר. גורדיס שרייבט אַז:

„די לעצטע צייט האָט מען זיך פלייסיג אַ נעם געטאָן צו פאַרשפּרייטען אַט די מאמרים איבער דעם גאַנצען לאַנד, כדי אונטערצוגראָבען די אינסטי־טוציע און צושטערען איהר גרויסען איינפלוס אויף דעם אידישען לעבען אין אַמעריקע. טראָץ דעם גרויסען שאָדען, וואָס זיי האָבען געבראַכט אונזער גייסטיגען לעבען, וואָס איז אַזוי אויך געגוג פאַראַרעמט, האָבען מיר אויס־געקליבען צו האַלטען זיך ביים כלל פון „אַל תען״. די עטליכע ווערטער פון א. ש. אורלאַנס אין „הדואר״ (גליון י״ב) זיינען געווען דער אָפּרוף פון איין עהרליכען מענש, וואָס קאָן נישט ליידען קיין עולה. צום באַדויערען אָבער זיינען אויך איהם די איינצעלהייטען נישט געווען גענוג באַקאַנט״ (זייט 15).

האָט דר. גורדיס, דער ביבעל פּראָפעסאָר, אָפּנים פאַרגעסען אַז דער זעלבער שלמה המלך וועלכער האָט געזאָגט „אל תען" (משלי כו, ד) האָט באַלד אין צווייטען פּסוק (משלי כו, ה) אַ זאָג געטהאָן „ענה כסיל כאולתו" — אַז אַ נאַר דאַרף מען יאָ ענטפערען, און אַז שלמה המלך הייסט פאָלג איך. און ווי געפעלט אייך וואָס דר. גורדיס גיט אַליין צו אַז א. ש. אורלאַנס'ן זיינען „די איינצעלהייטען נישט געווען געגוג באַקאַנט"!

הערר אורלאַנס האָט אין זיין אַרטיקעל מיך קריטיקירט און פאַרטיידיגט פּראָפעסאָר פינקעלשטיין און געשריבען בזה הלשון:

„דערפאַר לויב איך די שיטה פון פּראָפ. פינקעלשטיין, וואָס לאַדט איין גלחים, זיי זאָלען קומען אין טעאָלאָגישען סעמינאַר און זיך באַקענען מיט סטו־דענטען און ריידען צו זיי און הערען וואָס זיי האָבען צו זאָגען" (זעה זייט 16).

וואָלט דאָך, על פּי יושר, דר. גורדיס, אַ לעהרער אין סעמינאַר, באַדאַרפט זיין צופרידען וואָס הערר אורלאַנס פאַרטיידיגט פּראָפעסאָר פינקעלשטיין, אָבער אַנשטאָט איהם צו דאַנקען, שרייט ער גאַר אויס:

„ווען מיר לייענען עס" — הערר אורלאַנסעס איבענדערמאָנטע ווערטער — „מוזען מיר אויסרופען: עס הויבט זיך נישט אָן! לא היו דברים מעולם!... ער לאַדט נישט איין קיין גלחים, נאַר פּראָפעסאָרען פון אוניווערזיטעטען און קאָלעדזשעס" (זייט 16).

איז אדרבה לאָמיר זעהן. דר. גורדיס גיט אָן צוויי טעמים פאַר דער נויטווענדיגקייט פון אַזאַ אינסטיטוט. דער ערשטער טעם איז: אַזוי ווי אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פאַרשפּרייט אין די לעצטע יאָהרען אין אַמעריקע, איז דער גרינדער און שטיצער פון דעם אינסטיטוט איבערצייגט אַז:

„מיר האָבען נישט וואָס אויסצובאַהאַלטען פון אונזערע שכנים, — פאַרקעהרט, וואָס מעהר זיי וועלען אונז דערקענען, אַלץ מעהר וועלען זיי איפּהערען אונז חושד צו זיין" (זייט 17).

וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, אַז פּראָפעסאָר פינקעלשטיין האָט איינ־געלאַדען אידישע תלמידי חכמים זיי זאָלען ווייזען די גוים די שיינקייט פון אידענטום, איז דער פאַקט אָבער פונקט פאַרקעהרט. ער האָט איינגעלאַדען גוים זיי זאָלען לערנען די אידישע תלמידים די גוי'אישע רעליגיעס. אָט איז דער פּראָגראַם פון איין זמן:

ראַבאַי מילטאָן שטיינבערג האָט געלערענט דזשודאַאיזם;

דר. הו שי האָט געלערענט „קאָנפיוציזם;

פּראָפעסאָר דאָגלאַס ו. סטיר האָט געלערנט די קוויקער באַוועגונג;

דר. דזשאָן א. מאַקקיי — קאַלוויניזם;

פּראָפעסאָר פּאַול דזשיי. טיליך — לוטעראַניזם;

פראָפעסאָר אַנטאָן ס. פעגיס — קאַטוליציזם;
דר. מושענג ה. לין — טאַאָאיזם;
דר. אנאנדא ק. קומאראסוואמי — הינדואיזם און בודאַאיזם;
פראָפעסאָר געאָרג מיכאַעלידעס — די איסט־אָרטאָדאָקסישע (גריכישע) קירכע;
און פראָפעסאָר פיליפ ק. חיטי — איסלאַם.

נו, ווי געפעלט עס איך? וועלען זיך די גוים אויף אַזאַ אופן באַקענען מיט דער שיינקייט פון אידענטום, צי וועלען זיך די אידישע תלמידים אָנזאַפּען מיט אַלע גוי׳אישע רעליגיעס?

דר. גורדיס שרייבט, אַז פראָפעסאָר פינקעלשטיין „לאַדט נישט איין קיין גלחים, נאָר פראָפעסאָרען פון אוניווערזיטעטען און קאָלעדזשעס" (זייט 16). נו, אַז אַ גלח ווערט אַ פראָפעסאָר, ווערט ער שוין דערמיט אויס גלח? אַט, למשל, ראַבאַי פינקעלשטיין איז אַ פראָפעסאָר און פרעזידענט פון שעכ־טערס סעמינאַר, איז ער דערפאַר אויס ראַבאַי? און טאַקע דר. גורדיס אַליין, ער איז דאָך אַ פראָפעסאָר אין שעכטערס סעמינאַר איז ער דערפאַר אויס ראַבאַי?

און אגב הערט וואָס אַ גלח, אַ אידען פריינד, האָט צו זאָגען וועגען דעם ענין פון איינלאַדען גלחים צו רעפערירען אין אַ ראַבאַי סעמינאַר. אין אַ בריעף צום „דזשואיש ספּעקטייטאָר" (מערץ 1942) שרייבט דר. דזשיי. א. פּ. מעינאַרד, רעקטאָר פון דער פּראָנצוויזישער קירכע אין ניו יאָרק:

„ווי אַ פריינדליכער זייטיגער וואונ־דער איך זיך אָפט פאַרוואָס ראַבינער שולען געפינען עס פאַר נויטיג איינ־צולאַדען אַ קריסטליכען טעאָלאָג צו אַדרעסירען די צוקונפטיגע ראַבאַיס פון דער קאַטעדרע. עס איז קלאָהר אַז די דאָזיגע טעאָלאָגען זיינען עמי הארץ אין אידישע ענינים, צייטענווייז ביז גרויל. איז די דאָזיגע איינלאַדונג אַ צוריקקעהר צום מיטעלאַלטער ווען די אידען פון רוים זיינען געוועזן גע־צוואונגען דורך געזעץ צו הערען קריסטליכע פרעדיגטען? איז דער גאַנ־צער ענין בכלל ערנסט פוןביידע צדדים?...

"As a friendly outsider I often wonder why Rabbinical schools find it necessary to invite a Christian theologian to address the budding rabbis *ex cathedra*. It is evident that these theologians are *ame haarets* in Jewish matters, sometimes painfully so. Is this invitation a backwash of medieval days when the Jews of Rome were compelled by law to listen to Christian sermons? Is the whole thing altogether sincere on both sides?...."

"As for the young rabbis, they could meditate on this saying of Hillel: "If I am not for myself, who will be for me?' "

וואָס אנבעלאַנגט די יונגע ראַבאַיס, וואָלטען זיי געמעגט אין זינען האָבען הלל׳ס מאמר: ׳אם אין אני לי, מי לי?׳ "

דר. גורדיסעס צווייטער טעם פאַר דער נויטוועֶנדיגקייט פאַר אַזאַ אינ־סטיטוט איז, אַזוי ווי די פאַשיסטען און די קאָמוניסטען ווילען אָפּווישען אַלע רעליגיעס, איז:

„אַט דער ביטערער צושטאַנד פאַרפליכטעט די אַנהייגער פון אַלע רעליגיעס צו דערקענען דעם געמיינזאַמען שונא און אַננעמען מיטלען צו באַשיצען די גייסטיגע ווערטען, וואָס זיינען טייער יעדען איינעם, וואָס גלויבט אין אַ באַשעפער פון דער וועלט און איז מודה אין דער הייליגקייט פון דעם תנ״ך" (זייט 17).

אַ איד, וועלכער גלויבט אין תורה מסיני, אַז די תורה וועלכע מיר האָבען איז הונדערט פּראָצענט די זעלבע וועלכע „משה קיבל... מסיני", און אַז די נביאים האָבען גערעדט ברוח הקודש, דער איד איז מודה אין דער הייליגקייט פון דעם תנ״ך. אָבער אַז ראַבאַי פינקעלשטיין זאָגט אַז די מעשיות פון ספר בראשית האָבען מיר גע׳לקח׳נט ביי אַנדערע פעלקער, און ראַבאַי גורדיס, אַ ביבעל פּראָפעסאָר אין סעמינאַר „פאַרריכט" דעם תנ״ך, איז וואָס פאַר אַ „הייליגקייט" ווילען זיי באַשיצען?

צווייטענס, אין גאַנץ אַמעריקע איז פאַרהאַן איין קאָנסערוואַטיווער סעמינאַר פאַר ראַבאַיס. דאַגעגען זיינען פאַרהאַן אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען הונדערטע סעמינאַרען פאַר גלחים. איז אויב, ווי דר. גורדיס שרייבט, אַז די אַנהייגער פון אַלע רעליגיעס זיינען פאַרפליכטעט „צו דערקענען דעם געמיינ־זאַמען שונא און אַננעמען מיטלען צו באַשיצען די גייסטיגע ווערטען"; אויב אַלע רעליגיעס געפינען זיך אין דער געפאַהר אָפּגעווישט צו ווערען, איז פאַרוואָס זשע האָבען די הונדערטע פּרעזידענטען פון די הונדערטע גלחים־סעמינאַרען ניט געעפענט אַזאַ אינסטיטוט? זיינען דען די גוים זייערע רעליגיעס ניט אַזוי טייער ווי פּראָפעסאָר פינקעלשטיין זיינע? נאָר דער תירוץ איז, די גוים ווייסען אַז אַזאַ געפאַהר עקזיסטירט ניט!

דר. גורדיס דערצעהלט אונז, אַז דער דאָזיגער אינסטיטוט אין שעכטערס סעמינאַר איז:

„געעפענט געוואָרען אַ דאַנק דערביישטייערונג פון דעם באַוואוסטען אי־דישען פילאַנטראָפּ און כלל־טוער לוציוס נ. ליטאַוער, דער גרינדער פון דער קאַטעדרע פאַר אידישער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע אין דער האַרוואַרד אוני־

ווערזיטעט, וואָס ס׳פאַרנעמט דער באַריהמטער געלעהרנטער פּראָפ. ה. א. וואָלפסאָן״ (זייט 16).

איז מר. ליטאַוער, מסתמא, אַ גאַנץ פיינער מענש, און ווי עס זעהט אויס אויך אַ מעצענאַט. נאָר פונדעסטוועגען האָבען מיר נאָך ניט געהערט, אַז ער זאָל האָבען געגעבען געלד אויף ארץ־ישראל, אויף אַ ישיבה, אויף אידיש־נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע אינסטיטוציעס. אָבער שטיפטען אַן אינסטיטוט אין שעכטעס סעמינאַר מיט גלחים אַלס לעהרער, דאָס יאָ. און וואָס אנבעלאַנגט פּראָפעסאָר וואָלפסאָן, האָט ער אַרויסגעגעבען גאַנץ פיינע ווערק וועגען שפּינאָזאַ, קרשקש, אָבער הערט זיין נביאות וועגען יעזוס׳ן.

אין זיין איינלייטונג — How the Jews Will Reclaim Jesus — ווי די אידען וועלען פאַרלאַנגען צוריק יעזוס׳ן — צום בוך: Jesus as Others Saw Him פון דזשאָזעף דזשייקאָבס, וואונדערט ער זיך וועגען דער „בלינדקייט פון אונזערע אורעלטערען, די אויגען־עדים פון קריסטוס׳ן״, פאַרוואָס זיי האָבען ניט אָנגענומען יעזוס׳ן און פרעגט: „פאַרוואָס זאָלען די אידען ניט אָננעמען יעזוס׳ן?״ און ער זאָגט נביאות ווי אַזוי די אידען וועלען צוריק אויפנעמען יעזוס׳ן; און ער שילדערט, ווי אַזוי יעזוסעס ווערק וועלען געפינען אַ פלאַץ צווישען אונזער הייליגער טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור; ווי אַזוי אידישע געלעהרטע, ווען זיי וועלען רעאָרגאַניזירען און רעקלאַסיפיצירען אונזערע ליטעראַרישע אוצרות און וועלען קאָמפּילירען אַנטאָלאָגיעס פון די קלוגע מאמרים און אינספּירירענדע לעהרעס פון אונזערע חכמים, וועלען אַריינשטעלען די „סוירמענס״ און די משלים פון יעזוס׳ן, דער רבי פון גליל. די לעזער פון יענע אַנטאָלאָגיעס וועלען לערנען אויסצוגען פון תלמוד, מדרש און די גאָספּעלס ניט פיהלענדיג קיין שום אונטערשיעד... דאָס פאָלק וועט זיך באַנוצען מיט די מאמרי יעזוס צוזאַמען מיט די מאמרי חז״ל, ווארום זיי אָטעמען אַלע מיט דעם זעלבען גייסט. ערגיץ אין אַן אָפּגעזונדערטער שוהל אין גליל וועט זיך זיצען אַ תלמיד חכם און לערנען אַן אויסגעבעסערטען ספר, אַ פאָלשטענדיגען פּרקי אָבות, וועלכער וועט ענטהאַלטען די קלוגע רייד פון די אנשי כנסת הגדולה און פון יעזוס׳ן... ער וועט לייענען די אויסערונגען וואָס זיינען פאַרצייכענט אין יעזוסעס נאָמען וועגען די פּרושים און ער וועט זאָגען צו זיך אַליין: „אַ, רבי יעזוס״ טהוסטו פערדאַמען דעם רבים פאַר די זינד פון דעם יחיד?... אָט אַזוי וועלען די אידען צוריק פערלאַנגען יעזוס׳ן״.

“But when with the revival of Jewish culture and Jewish learning under free and unhampered conditions in a Jewish environment, painstaking Jewish scholars, in an effort to reorganize and to reclassify our literary treasures, will come to compile

anthologies of the wise sayings and inspiring teachings of our ancients, they will include among them the sermons and parables of Jesus the Nazarene, the Galilean rabbi. . . ."

"The readers of those anthologies will pass on from Talmudic and Midrashic selections to those of the Gospels without being conscious of any difference, except of such individual differences as mark the sayings of men. The sayings of Jesus together with the sayings of other rabbis will win their way into the speech of the people, will become blended and interwoven, and misquoted, after the manner of such things—for they all breathe the same spirit. . . ."

"Then in a cloistered synagogue in a re-Judaized Galilee a sage, continuing the traditions of an ancient rabbi, will con over a new tome which will be an old tome revised. It will be a completed Sayings of the Fathers, recording the wisdom of the ages from the Men of the Great Synagogue to the men of the littlest of the synagogues, and among these will be included the sayings of the Alexandrian Philo and the Palestinian Jesus."

"He will read the utterances recorded in the name of Jesus the Galilean about the Pharisees and will say to himself: "O Rabbi Jesus, dost thou condemn the many for the sins of the few?. . ."

"This is how the Jews will reclaim Jesus."

אַט אַזוי און נאָך, און נאָך זאָגט נביאות פּראָפעסאָר וואָלפסאָן וועגען יעזוס'ן, איז וואָס זשע באַווייזט דר. גורדיס דערמיט וואָס דער אינסטיטוט אין שעכטערס סעמינאַר איז געעפענט געוואָרען אַ דאַנק דער ביישטייערונג פון דעם זעלבען מעצענאַט, וועלכער האָט געגרינדעט די קאַטעדרע פאַר פּראָפעסאָר וואָלפסאָן ? !

דר. גורדיס שרייבט :

„די דורכשניטלעכע צאָהל פון די פאַרשריבענע אויף די קורסען איז 85, און פון די, וואָס קומען אויף די מיטאָגען — אַן ערך 100. דערפון באַשטעהט אַ פיערטעל פון רבנים" (זייט 18).

קען דר. גורדיס אַנווייזען כאָטש איין רב, ניט אַ ראַבאַי, נאָר אַ רב, וועלכער האָט זיך פאַרשריבען „ווי אַ שילער אויף די קורסען" ? דער אונ־

טער׳שיעד צווישען אַ רב, און אַ ראַבאַי איז ביי אידען דער זעלבער ווי דער אונטערשיעד צווישען דער „וואָלאָזשינער ישיבה" און „שעכטערס סעמינאַר".

דר. גורדיס דערצעהלט אונז, אַז די רשימה פון די לעקציע־סעריעס ענט־האַלט אויך:

„צוויי דענקער און די פּראָבלעמען פון אונזער צייט (צוויי לעקציע־סעריעס, וועגען אויגוסטינוס און וועגען רבי עקיבא)" (זייט 18).

איהר הערט! וועגען אויגוסטינוס דער פאָטער פון אַנטיסעמיטיזם, און וועגען רבי עקיבא דער גרעסטער תנא! וועגען רבי עקיבא האָט „געלעקטשערט" פּראָפעסאָר פינקעלשטיין. און מיר האָבען דאָך שוין געזעהן, אַז ער האַלט דאָך אז רבי עקיבא, לויט וועמענס לעהרעס אידען לעבען, און פּאָול, דער פאָטער פון קריסטענטום, זיינען כמעט „מעור אחד", קען מען זיך שוין משער זיין וואָס פאַר אַן „עקיבאַ" עס איז אַרויסגעקומען פון זיינע לעקציעס.

דר. גורדיס איז אויפגערעגט וואָס איך באַשולדיג:

„דעם דר. פינקעלשטיין, אַז ער האָט איינגעלאַדען אַ גלח אַ מיסיאָנער צו פּרעדיגען עפענטליך אין דעם אינסטיטוט, און נאָך מעהר — אַז ער האָט איהם איינגעלאַדען אויף אַ צווייטער לעקציע אַרום צוויי וואָכען נאָך דער ערשטער מיסיאָנערישער לעקציע זיינער" (זייט 20).

מיינט איהר דאָך, אַז ער לייקענט עס אָפּ, אַ נעכטיגער טאָג! ווי קען ער דאָס אָפּלייקענען! ער אַליין איז דאָך געווען איינער פון די ניי־אויפגע־נומענע פּראָפעסאָרען וועלכע האָבען געהאַט דעם כבוד „געזאָלבט" צו ווערען פון דעם מיסיאָנער מאַקקיי!

לייקענט ער אפשר אָפּ, אַז דר. מאַקקיי האָט אָפּעלירט, אַז אידען זאָלען אָננעמען יעזוס׳ן, אברהם אבינו׳ס אויסדערוועהלטסטען זוהן, חס וחלילה! ווי קען ער דאָס אָפּלייקענען, ער האָט דאָס דאָך אַליין געהערט! לייקענט ער אפשר אָפּ, אַז דער זעלבער מיסיאָנער האָט מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער דאָרט געהאַלטען אַ צווייטע לעקציע, וויים איך וואָס! נאָר הערט אַ המצאה.

ראַבאַי גורדיס שרייבט:

„נישט בלויז וואָס פּראָפ. פינקעלשטיין איז אַ זוהן פון אַ באַוואוסטען אָרטאָדאָקסישען רב, נאָר ער איז מיט אַלע פיבערען פון זיין נשמה צוגעבונדען צו דער תורה, סיי להלכה, סיי למעשה, און אין זיינע פילע וויכטיגע פאָרשונגען, האָט ער אויפגעדעקט דאָס ליכט פון אידענטום און אַנטפּלעקט די לעבהאַפטיגקייט, פרישקייט און אַנטוויקלונגס־פעהיג־קייט פון אונזער טראַדיציע, וואָס אַ דאַנק דעם איז מעגליך צו באַלעבען און פאַרצוזעצען זי אויך אויף ווייטער. צו באַשולדיגען דעם דר. פינ־

קעלשטיין, אויף אַ דירעקטען אָדער אומדירעקטען אופן, אין אַ נייגונג צו מיסיאָנעריי, מוז באַצייכענט ווערען אַלס די העכסטע מדרגה פון חוצפה" (זייט 20).

אַלזאָ, ער לייקענט ניט אָפּ אפילו איינעם פון די אַלע ציטאַטען וועלכע איך ברענג פון פינקעלשטיינס שריפטען. נאָר וואָס דען, ער טענה'ט, אַז דר. פינקעל־שטיין איז „אַ זוהן פון אַ באַוואוסטען אָרטאָדאָקסישען רב". ליידער קען איך ניט הרב פינקעלשטיין. מסתמא איז ער אַ פיינער, פרומער איד. נו, אברהם אָבינו איז אויך געווען אַ פיינער איד, אַ גרויסער מכניס אורח. אַ פרומער איז ער אויך געווען, שוין אַלס דריי יאָהריג אינגעל האָט ער אָנערקענט גאָט[49]. די חז"ל זאָגען, אַז ער האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה[50]. און ניט נאָר האָט ער געדאַוונט, נאָר ער האָט מתקן געווען תפלת שחרית[51]. פונדעסט־וועגען האָט ער געהאַט אַ זוהן ישמעאל, וועלכער האָט געדינט די עבודה זרה[52].

יצחק אָבינו, שמועסט מען, איז אויך געווען אַ פיינער, פרומער איד. ער אַליין האָט דאָך מתקן געווען תפלת מנחה[53], איז מסתמא האָט ער דאָך אפילו קיין מנחה ניט פאַרפעהלט, פונדעסטוועגען האָט ער געהאַט אַ זוהן עשו, וואָס נאָך ביי דער מאַמען אין בויך האָט ער זיך געריסען צום קלויסטער.[53*] איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען אָהן אַ שיעור פיינע טאַטעס, ביז אויף היינט צו טאָג, וועמענס קינדער געראָטען ניט אין זיי. פּראָפעסאָר פינקעלשטיין האַלט דאָך מיט דער קריסטליכער ביבעל אַז פּאָול איז געווען „דער זוהן פון אַ פּרוש", פונדעסטוועגען האָט ער געשאַפען דעם קאַטוילישען גלויבען.

דר. גורדיס גיט אָן אין נדן, אַז דר. פינקעלשטיין „איז מיט אַלע פיבערען פון זיין נשמה צוגעבונדען צו דער תורה", ראַבאַי פינקעלשטיין שרייבט דאָך אויך וועגען יעזוס'ן:

„אַז ער איז געווען אַן עהרליכער, פרומער איד, וועלכער האָט זיך געפיהרט לויט דער תורה און האָט געגלויבט אין איהר געטליכער אינספּיראַציע"[54])...

נו, און וואָס איז געוואָרען פון דעם „פרומען" יעזוס? קריסטענטום! דאָס ווייסט דאָך אפילו ראַבאַי גורדיס.

---

49) נדרים לב, א.
50) יומא כח, ב.
51) ברכות כו, ב.
52) בראשית רבה נג, יא.
53) ברכות כו, ב.
53*) בראשית רבה, סג, ו.
54) זעה אויבען זייט 8.

דר. גורדיס שרייבט, אַז פּראָפעסאָר פינקעלשטיין „איז מיט אַלע פיבערען פון זיין נשמה צוגעבונדען צו דער תורה, סיי להלכה, סיי למעשה", אָבער די גמרא, רש"י און דער רמב"ם האַלטען ניט אַזוי.

די גמרא זאָגט, אַז דער וואָס זאָגט אַז די תורה איז ניט מן השמים, האָט ניט קיין חלק לעולם הבא[55]), און ראַבאַי פינקעלשטיין זאָגט דאָך, אַז געוויסע מעשיות פון ספר בראשית האָבען מיר גע'לקח'נט ביי פרעמדע פעלקער. און די גמרא זאָגט אויך, אַז דער פסוק „כי דבר ה' בזה ואת מצותו הפר הכרת תכרת הנפש ההוא עונה בה" (במדבר טו, לא) — ווארום דאָס וואָרט פון גאָט האָט ער פאַראַכט, און זיין געבאָט האָט ער פאַרשטערט; פאַרשניטען מוז ווערען יענע זעעלע, איהר זינד איז אויף איהר" — באַציהט זיך אויף דעם וואָס לייקענט אין תורה מן השמים[56]) . . .

דער רמב"ם זאָגט, אַז איינער זאָגט, אַז משה רבינו אַליין, ניט דורך גאָט, נאָר ער אַליין האָט געגעבען אפילו בלויז איין וואָרט לייקענט ער אין דער תורה[57]), און פּראָפעסאָר פינקעלשטיין זאָגט דאָך, אַז מיר האָבען גענומען גאַנצע קאַפּיטלען ביי די אומות העולם!

די גמרא זאָגט אויך, אַז אַן אפיקורוס האָט ניט קיין חלק לעולם הבא[58]). רב און רבי חנינא זאָגען, אַז אַן אַפּיקורס איז דער, וועלכער איז מבזה תלמידי חכמים[59]), און פּראָפעסאָר פינקעלשטיינ'ס חריפות אין מבזה זיין די חכמי התלמוד האָבען מיר דאָך שוין אויבען געזעהן. אַלזאָ, לויט אונזערע חכמים לייקענט ער אין תורה מן השמים, און איז אַן אַפּיקורס פאַר עקסעלאַנץ. די גמרא זאָגט, אַז דער וואָס זאָגט, אַז די תורה איז ניט מן השמים און אַן אַפּיקורס, האָבען ניט קיין עולם הבא[60])، און זיי געהען אין גיהנם אריין[61]).

אַלזאָ, איז פּראָפ. פינקעלשטיין „צוגעבונדען צו דער תורה להלכה?" און אפשר איז ראַבאַי פינקעלשטיין טאַקע דערפאַר אַזוי אין כעס אויף די חכמי התלמוד.

און וואָס אַנבעלאַנגט „למעשה" — אויך יעזוס איז געקומען „באַלעבען" און ערפילען! די קריסטליכע ביבעל, וועלכע דר. גורדיס וואָגט ניט צו „פאַררינכטען", דערצעהלט אַז יעזוס האָט געזאָגט:

---

55) סנהדרין צ, א.
56) סנהדרין צט, א.
57) רמב"ם, הלכות תשובה פרק ג' הלכה ח'.
58) סנהדרין צ, א.
59) סנהדרין צט, ב; זעה רש"י ראש השנה יז, א ד"ה אפיקורוס.
60) סנהדרין צ, א.
61) ראש השנה יז, א.

„דענקט ניט, אַז איך בין געקומען פאַרניכטען די תורה, אָדער די נביאים; איך בין ניט געקומען פאַרניכטען, נאָר ערפילען".

"Think not that I am come to destroy the law, or the Prophets; I am not come to destroy, but fulfill" (Mathews 5, 17).

און אַז פון יעזוסעס „ערפילען" די תורה און די נביאים איז געוואָרען קריסטענטום, ווייסט דאָך דר. גורדיס אויך!

דר. גורדיס שרייבט, אַז פּראָפעסאָר פינקעלשטיין האָט:

„אויפגעדעקט דאָס ליכט פון אידענטום און אַנטפּלעקט די לעבהאַפטיגקייט, פרישקייט און אַנטוויקלונגס פעהיגקייט פון אונזער טראַדיציע, וואָס אַ דאַנק דעם איז מעגליך צו באַלעבען און פאַרצווזעצען זי אויך אויף ווייטער" (זייט 20).

איהר הערט, מעשה משיח! „אויפגעדעקט" און „אַנטפּלעקט" און דר. גורדיס — מעשה אַפּאָסטאָל. אַבי מיר האָבען געמיינט, אַז דאָס ליכט פון אידענטום איז אויפגעדעקט, אַנטפּלעקט און פאַרגעזעצט געוואָרען פון משה רבנו, די נביאים, די סופרים, די אנשי כנסת הגדולה, די תנאים, די אמוראים, די סבוראים, די גאונים, רש"י, דער רמב"ם, דער ווילנער גאון און אַזוי ווייטער. אידען דאַרפען אַרויף לייגען האַנט אויף אַקסעל און כאַפּען אַ קיילעכדיגס און לויבען דעם אויבערשטען וואָס מיר זיינען זוכה צו לעבען אין איין דור מיט דעם „אויפדעקער" און „אַנטפּלעקער", אַ דאַנק וועמען עס „איז מעגליך צו באַלעבען און פאַרצווזעצען" די אידישע טראַדיציע אויך אויף ווייטער!

האָלט די אמת'ע אידישע טראַדיציע, אַז שטיקער פון אונזער תורה זיינען גע'גנב'עט? ! הייסט די אידישע טראַדיציע באַשמוצען די חכמי התלמוד לויט וועמענס לעהרעס דאָס אידישע פאָלק לעבט? !

אַלזאָ, ווי איהר זעהט לייקענט דר. גורדיס גאָר ניט אָפּ. וואָס זשע זאָל ער פאָרט טהאָן, איז הערט נאָך אַ המצאה. ער שרייבט אַז דר. מאַקקיי האָט:

„אין די לעצטע זאַצען, אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז די קריסטען וועלען אויפהערען צו פאַרפאָלגען אידען, און האָט צוגעגעבען, אַז לויט זיין מיינונג זיינען דאָ סימנים פון אַ פאַרשטענדעניש פאַר יעזוס'ן אין געוויסע אידישע קרייזען. אונזער איינדרוק איז געווען, אַז ער האָט געמיינט דאָס בוך פון שלום אַש. ווי עס זאָל נישט זיין, פּראָפ. פינקעלשטיין, וואָס איז געווען פאַרזיצער, האָט זיך נאָך זיין רעדע אויפגעשטעלט און ווי עס פּאַסט פאַר אַ בעל־הבית העפליך געדאַנקט דעם

גאַסט פאַר זיין מיה און געזאָגט, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט איהם געהערט רעפערירען זיינע אנשויאונגען" (זייט 22).

איז ערשטענס, וואָס איז די ראיה אַז דר. מאַקקיי האָט געמיינט „דאָס בוך פון שלום אַש" און ניט די סעמינאַר קרייזען? צווייטענס, אויב אין שלום אַש'ס בוך זיינען דאָ „סימנים פון אַ פאַרשטענדעניש פאַר יעזוס'ן", פאַרוואָס זשע האָט פראָפ. פינקעלשטיין איינגעלאַדען שלום אַש'ן צו פאַרשפרייטען אין שעכטערס סעמינאַר די „סימנים פון אַ פאַרשטענדעניש פאַר יעזוס'ן"? דריטענס, אויב פראָפ. פינקעלשטיינ'ס ענטשולדיגונג באַשטעהט אין דעם וואָס „דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט איהם געהערט רעפערירען זיינע אנשויאונגען", פאַרוואָס זשע האָט ער איהם געלאָזט „רעפערירען" אַ פאַר וואָכען שפעטער נאָך אַמאָהל?

דר. גורדיס וויל מטהר זיין דר. מאַקקיי'ס רעדע מיט דעם, וואָס פראָפ. לואיס גינצבורג האָט גערעדט דעם זעלבען אָוונט אויף דער זעלבער פלאַט־פאָרמע. איז דאָס טאַקע צום גרויסען באַדויערען. פראָפ. גינצבורג'ס באַצי־הונג צו אָט דעם ענין איז בכלל אונפאַרשטענדליך. עס איז קיין ספק ניט, אַז ער איז דער איינציגער פראָפעסאָר אין סעמינאַר, וועלכער וואָלט געקאָנט מאַכען אַן ענדע צו פינקעלשטיינ'ס מעשים, וועלכע טהוען ניט קיין טובה דעם אַמעריקאַנער אידענטום. איז טאַקע שוועהר צו וויסען צי זיין שווייגען איז אין דער בחינה פון „שתיקה כהודאה דמיא", צי איז עס דער רעזולטאַט פון אַנדערע אורזאַכען. אָבער וועגען דעם אַן אַנדערש מאָהל.

איצט הערט דר. גורדיסעס ענטפער פאַרוואָס דר. מאַקקיי האָט געהאַלטען אַ צווייטע רעדע אַ פאַר וואָכען שפעטער. ער טענה'ט, אַז די איינלאַדונגען צו דר. מאַקקיי'ס צווייטע לעקציע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען פאַר דער פייערונג לכבוד די נייע־אויפגענומענע פראָפעסאָרען, דאָס הייסט, פאַר זיין ערשטער רעדע:

„אַ פאַר וואָכען דערנאָך, אין אַ קורס וועגען אַכט פאַרשידענע רעליגיעס, וואָס איז געגעבען געוואָרען אין דעם „אינסטיטוט אָוו רעלידזשאַס סטאַדיס" האָט דר. מאַקקיי געהאַלטען איין לעקציע וועגען קאַלוויניזם — צווישען זיבען אַנדערע לעקטאָרען, וואָס האָבען גערעדט וועגען אידענטום, וועגען די קוויקערס, לוטעראַנער, קאַטאָליקען, מאַהאָמעדאַנער, דער גריכישער קירך און די רעליגיעס פון כינע און אינדיע.

אַ קינד וועט פאַרשטעהן, אַז די איינלאַדונגען צו באַטייליגען זיך אין דעם דאָזיגען קורס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען אַ לאַנגע צייט פאַר דער פייערונג לכבוד די נייע פראָפעסאָרען. די פראָגראַם פון דעם „אינ־סטיטוט אָוו רעלידזשאַס סטאַדיס" איז טאַקע עפענטליך פאַרטיילט געוואָרען

נאָך פאַר דער אָקטאָבער־פּייערונג. און בכלל, איז דאָ קיין שום „היזק" ניט געשעהן, וואָרום יענע לעקציע (וועגען קאַלווינען) איז געגעבען געוואָרען פאַר איין עולם פון דערוואַקסענע רעליגיע־לעהרער, וואָס זיינען געקומען הערען לעקציעס וועגען פאַרשידענע אמונות." (זייט 22).

נו, איז וואָס? שיקט מען צו די איינגעלאַדענע אַ קאַרטעל אַז די לעקציע וועט ניט פאַרקומען, אָדער מען לאַדט איין אַן אַנדער פּראָפעסאָר אויף מאַק־קיי׳ס אָרט. וואָס וואָלט פּראָפעסאָר פינקעלשטיין געטהאָן ווען דר. מאַקקיי פיהלט גראַד ניט גוט יענעם אָוונט? צוליעב אַזאַ טעכנישע קלייניגקייט ווי האָבען אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען לאָזט מען אַ מיסיאָנער וועלכער האָט אַפּעלירט אַז אידען זאָלען אָננעמען יעזוס׳ן, אברהם אבינו׳ס אויסדערוועהלטסטען זוהן האַלטען נאָכאַמאָהל אַ לעקציע?! ווי פיעל פּראָפעסאָרען האָבען אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטען אָפּגעזאָגט פון זייערע שטעלעס, דערפאַר וואָס זיי האָבען בע־טראַכט די אַנשויאונגען פון די פּראָפעסאָרען אַלס שעדליך פאַר אַמעריקע! מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אַן אַמעריקאַנער אוניווערזיטעט געבראַכט פון ענגלאַנד בערטראַנד ראַסעל, און ווען מאַנכע האָבען געהאַלטען אַז זיינע לעקציעס קענען שלעכט ווירקען אויף דער מאָראַל פון די צוהערער, האָט ער די לעקציעס ניט געהאַלטען, ניט קוקענדיג דערויף וואָס מען האָט איהם ספּעציעל געבראַכט פון ענגלאַנד! און צוליעב דער אַרויסשיקונג פון עטליכע איינלאַדונגען, איז רעכט ביי פּראָפעסאָר פינקעלשטיין צו לאָזען דר. מאַקקיי, וועלכער האָט אין זיין ערשטער רעדע אַפּעלירט די אידען זאָלען אָננעמען יעזוס׳ן, אברהם אבינו׳ס אויסדערוועהלטסטען זוהן, האַלטען אַ צווייטע לעקציע!

דר. גורדיס גיט אַליין צו:

„סאיז קלאָהר, אַז וועגען דער עצם אידעע פון דעם ׳אינסטיטוט און רעלידזשאַס סטאַדיס׳ קאָנען זיין מיינונגס־פאַרשידענהייטען" נאָר ער האַלט אַז: „פּערזענליכע באַגעגענישען צווישען אידען און קריסטען זיינען מסוגל אָפּצושוואַכען געגענזייטיגע פאַרדאַכטען" (זייט 23).

אַלזאָ דר. גורדיס געהערט צו די אידען וועלכע ליידען איצט פון דער מחלה „גודוויל". איז ווייזט אויס, אַז אין די קרייזען פון שעכטערס סעמינאַר הייסט „גוד־וויל", צו פאַלמעסען אונזער תנ"ך, מאַכען אש און בלאָטע פון די חכמי התלמוד, האַלטען לעקציעס וועגען יעזוס׳ן, אַז ער איז געווען אַ פרומער איד, זינגען שירה צו פּאולען, דעם גרינדער פון קריסטענטום, גיבען מיסיאָנערען אַ געלע־גענהייט צו פאַרשפּרייטען זייער מיסיאָנערישע אַרבעט, זיך אַנטשולדיגען פאַר די גוים פאַרוואָס דאָס אידענטום אַנערקענט ניט דעם חוב וואָס עס איז שולדיג דער גוי׳אישער קירכע. אַזאַ „גוד־וויל" הייסט דאָך פשוט אויפהערען זיין אידען און ווערען גוים!

אזאַ סאָרט „גוד־וויל׳ניק״ איז אויך געווען מאַרטין לוטער, דער גרינדער פון דעם פּראָטעסטאַנטישען גלויבען. ער האָט געהאַלטען אין איין לויבען די אידען און די אידישע רעליגיע, און דאָס באַנוצט אַלס מיטעל צו „ראַטעווען״ די אידישע נשמות. אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט איינגעזעהן אַז די אידישע נשמות זיינען גאַנץ צופרידען מיט זייער מזל און לאָזען זיך בשום אופן ניט „ראַטעווען״, איז ער איבערגעמאַכט געוואָרען איינער פון די ביטערסטע שונאי ישראל וואָס די וועלט האָט געהאָט.

און היינטיגע קריסטליכע „גוד־וויל׳ניקעס״, איז תוכם כברם? מיינען זיי עס טאַקע ערנסט? אַ נעכטיגער טאָג! פיעלע פון אָט די פאַרשטעהער פון אינטער־רעליגיעזען „גודוויל״ אין אַמעריקע, וועלכע חבר׳ן זיך מיט אידען, טרעטען אויף לטובת אידישע אָרגאַניזאַציעס און זיינען באַקאַנט אַלס אויס־געשפּראָכענע ליבעראַלען, העלפען פאַרשפּרייטען דעם דאָגמאַטישען אַנטי־סעמיטיזם פון דעם קריסטענטום אין זייערע אייגענע טעאָלאָגישע ביכער און אַרטיקלען [62].

און וואָס גלחים רעדען אין אידישע אינסטיטוציעס קען מען אַמבעסטען זעהן פון אַ בריף וואָס יוסף קעלער פון פּראָווידענס, רהאָד איילענד, האָט צוגע־שיקט צום „דזשואיש ספּעקטייטאָר״ (מערץ 1942):

„איך בין אַנוועזענד געווען ביי עט־ליכע לעקציעס געהאַלטען פון גלחים אין אַ קאָנסערוואַטיווען טעמפּעל, און די ערשטע נאָטע וואָס זיי האָבען אָנ־געשלאָגען ביים אָנהויב פון זייערע רע־פעראַטען איז געווען צו לויבען די לעהרעס פון דער קריסטליכער בי־בעל.

איך וועל געהן אַ שריט ווייטער. איך האָב גערעדט מיט איינעם פון די לעהרער פון דעם זעלבען טעמפּעל וועגען דעם גלח׳ס רעדע און ער האָט מיר געזאָגט אַז דער לעהרער־פּערסאָנאַל האָט גערעכענט אַריינשטעלען אַ קורס וועגען קריסטענטום אין דעם קאַריקו־לום פאַר די תלמידים פון דעם טעמ־

"I have attended some lectures by Christian Ministers, given at a conservative Temple, and the first key they struck at the opening of their addresses was to praise the teachings of the New Testament.

"I'll go a little further. I talked to one of the teachers of the same Temple about the Minister's talk and he told me that the teachers' staff once considered to include a course on Christianity in the program of study of their pupils

62) זעה דר. טרודה וויס־ראָזמאַרינ׳ס אַרטיקל Where Goodwill Ends אין „דזשואיש ספּעקטייטאָר״, מאַי 1943, און אהרן צייטלינ׳ס אַרטיקעל אין „מאָרגען זשורנאַל״, מאַי 21, 1943.

at the Temple, but it didn't go through. This shows that these Christological teachings have already taken root in some of the Seminary graduates."

פעל, אבער עס איז ניט דורכגעגאנגען. דאס צייגט אז די דאזיגע קריסטאלאגישע לעהרעס האבען שוין געשלאגען ווארצלען אין מאנכע פון די סעמינאר גענדיגטע".

מיינט איהר דאך אז די היינטיגע גוים ווילען דאס, איז האט איהר א טעות! מען דארף ניט מעהר ווי די דייטשע אידען און די איטאליענישע אידען זיינען געווען אסימילירט, נו זעהען מיר דאך וואס עס איז געווארען אפילו פון די וועלכע זיינען שוין געווען גוים זייט דריי דורות! און ניט נאר ווילען היינטיגע גויים זיך מיט אונז ניט אויסמישען, נאר זיי האבען קיינמאל ניט געוואלט. די גמרא דערצעהלט:

ר' אבא בר זמינא האט געארבייט אלס שניידער ביי א ניט־אידען אין רוים. האט ער איהם געגעבען טריפה פלייש צו עסען, און ר' אבא האט ניט געוואלט. זאגט צו איהם דער ניט־איד, אויב דו וועסט ניט עסען וועל איך דיר הרג'ענען. ענטפערט ר' אבא: „קאנסט מיך הרג'ענען, אויב דו ווילסט, ווייל איך וועל ניט עסען קיין טריפה־פלייש". זאגט צו איהם דער ניט־איד: „פון וואנען האסטו געוואוסט ווען דו וואלסט יא געווען עסען וואלט איך דיך געווען גע'הרג'עט, א איד דארף זיין א איד, און א גוי דארף זיין א גוי" [63].

איצט הערט נאך א המצאה פון דר. גורדיס. ער טענה'ט אז רבי מאיר, רבי עקיבא'ס א תלמיד, האט געזאגט: „אפילו א גוי, אויב ער לערנט תורה, איז ער ווי א כהן גדול" [64]. ריכטיג. אבער רבי מאיר האט דאך ניט געזאגט אז אויב א איד לערנט קאנפיוציזם, די קוויקער באוועגונג, קאלוויניזם, לוטעראניזם, קאטוליציזם, טאאאיזם, הינדואיזם, בודאאיזם, גריכישע קירכע, איסלאם, די לעהרע פון סעינט אויגוסטין (דער פאטער פון אנטיסעמיטיזם), קריסטליכע טעאלאגיע, הינטערגרונד פון קריסטענטום, אז ער איז ווי א כהן גדול!

63) ירושלמי שביעית פרק ד', הלכה ב'.

64) בבא קמא לח, א.

עטלעכע ווערטער וועגן דעם פּראָפעסאָר*)

אין דער וועלט פון חכמת ישראל, פון אידישער וויסנשאַפט, פּונקט ווי אין אַנדערע וויסנשאַפטן, זיינען פאַראַן, אַזוי צו זאָגן, געוויסע ספּעציאַליסטן. אַ געלערנטער ווידמעט זיך אַ געוויסן געביט, און אויסער זיין „פעלד" אינטערעסירט אים כמעט גאָרניט. ער לעבט אין יענעם יאָרהונדערט מיט וועלכן זיין ספּעציעל געביט באַשעפטיקט זיך. און אַפילו אַקטועלע, אַלטעגלעכע פּראָבלעמען, אָדער גאָר מאָדערנע ליטעראַטור, אינטערעסירן אים ניט.

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ געוויסן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אַסיריש-באַבילאָנישער ליטעראַטור, צי ער לייענט אויך מאָדערנע ליטעראַטור, האָט ער געענטפערט: „געוויס, אַז האָב איך נאָר וואָס איבערגעלייענט יוזעפוס'עס געשיכטע פון די אידן".

פאַרשטייט זיך, אַז אין פאַרגלייך מיט דער זעהר אַלטער אַסיריש-באַבילאָנישער ליטעראַטור איז די קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר אַלטע געשיכטע פון יאָזעפוס אַ „מאָדערנע ווערק".

עס זיינען פאַראַן, אָבער, אידישע געלערנטע, ספּעציעל צווישן די אינגערע וועלכע, ניט קוקנדיק אויף זייערע ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע געביטן, אינטערעסירט זיי אַלץ וואָס עס קומט פאָר אינעם אידישן לעבן. זיי קאָנען זיך ניט באַנוגען מיט אַפּשליסן זיך אין די ביבליאָטעקן און אַרויסגעבן וויסנשאַפטלעכע ווערק, ווי וויכטיק זיי זאָלן ניט זיין פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם אידישן פאָלק. זיי אינטערעסירט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אינעם אידישן לעבן, און זיי ווידמען צייט און ענערגיע צו העלפן מיט וואָרט און טאַט צו פאַרשטאַרקן דאָס אידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע לעבן. דער וואוילזיין פונעם אידישן פאָלק איז אַ שטיק פון זייער נשמה, און אַ חוץ זייערע וויסנשאַפטלעכע באַשעפטיקונגען, שטייען זיי געטריי אויף דער וואַך צו היטן און צו העלפן פאַרשטאַרקן דעם וואוילזיין און די עקזיסטענץ פון אונזער געיאָגט און געפּלאָגט פאָלק. און איינער פון אָט דער דאָזיקער געציילטער קלאַס געלערנטע, וועלכער קעמפט אונערמידלעך פאַר חיזוק הדת

---

*) אויסצוגן פון אַן אַרטיקל וועגן ד"ר ראָזמאַרין וואָס איז דערשינען אין „אַמעריקאַנער", סעפּטעמבער 25, 1946.

והאמונה, פאַר אַ געזונטע, פּאָזיטיווע אידיש רעליגיעזע און נאַציאָנאַל לעבן איז הרב ד״ר אהרן ראָזמאַרין.

געבוירן אין אוסטילע, וואָלינער גובערניע, ביי אַ פאַר־מעגלעכער חסידיש־לומדישער פאַמיליע, שטרעבט זיין פאָטער ר׳ משה ז״ל אַז ראָזמאַרין זאָל ווערן אַ רב, בעת זיין מוטער בראָנצי ע״ה, זעט אַז ער זאָל קריגן אַ גוטע וועלטלעכע בילדונג. שוין אין זיין פריסטער יוגנט צייכנט זיך ראָזמאַרין אויס מיט אַן אויסערגעוויינלעך גוטן זכרון און „תפיסה״. און דערצו איז ער נאָך געבענטשט מיט אַ געוואַלדיקער התמדה. שטייגט ער טאָקע פון טאָג צו טאָג, סיי אין לערנען, סיי אין וועלטלעכער בילדונג.

באַלד נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג טרעפט זיך ראָזמאַרין מיט זיין קאָזין פּראָפעסאָר ישראל פרידלענדער ז״ל, וועלכער איז דאַן געקומען פון אַמעריקע קיין אייראָפּע אַלס פאָרשטייער פון „דזשוינט דיסטריביושאָן קאָמיטע״, און ער באַשליסט צו פאָרן קיין אַמעריקע.

קומענדיק קיין אַמעריקע הויבט ער באַלד אָן פאָרצוזעצן זיין תלמוד׳ישן און אַלגעמיינעם שטודיום. ער שטודירט גלייכ־צייטיק אויך יוריספּרודענץ. און אין אַ קורצער צייט אַרום הויבט ער אָן דרוקן אַרטיקלען אין דער ענגליש־אידישער פּרעסע. ער מאַכט זיין „דעביוט״ אין ענגליש מיט אַ סעריע וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, צווישן זיי: „די געשיכטע פון די כוזרים״; „די פאַלאַשן״ (שוואַרצע אידן פון אַביסיניע); „די ווייסע, שוואַרצע און ברוינע אידן פון ווייטן מזרח״; „די געשיכטע פון די אידן אין מאַראָקאָ״. ד״ר י. פייטלאָוויטש, דער „טאַטע״ פון די פאַלאַשן, איז אַזוי באַגייסטערט פון ראָזמאַרין׳ס באַהערשן די געשיכטע פון די פאַלאַשן, אַז ער שלאָגט אים פאָר צו פאָרן קיין אַביסיניע אוי־איבערנעמען זיין אַמט אַלס פירער פון די דאָרטיקע אידן. און עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין ד״ר עמנואל בערנפעלדס (דער זון פון דעם באַרימטן געלערנטן ד״ר שמעון בערנפעלד ע״ה) פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון פּראָפעסאָר מאַרטין פיליפּסאָן׳ס „נייסטע געשיכטע דעם יידישען פאָלקעס״, זיינען ראָזמאַרין׳ס וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אָנגעגעבן אַלס קוועלן־מאַטעריאַל.

נאָך עטלעכע יאָר אין אַמעריקע פאָרט ראָזמאַרין קיין דייטשלאַנד צו פאַרפולקאָמען דאָרט זיין שטודיום. אין יענער צייט ווען אַן אויסלענדער האָט געוואָלט אויפגענומען ווערן אַלס סטודענט אין דער בערלינער אוניווערזיטעט, האָט ער געמוזט דורכמאַכן אַ רייע שריפטלעכע עקזאַמענס, און אויב ער האָט אויסגעהאַלטן, האָט ער געמוזט דורכמאַכן אַ רייע מינדלעכע עקזאַמענס, און ערשט דאַן איז ער אָנגענומען געוואָרן. אָבער ראָזמאַרין׳ס שריפטלעכע

עטלעכע ווערטער וועגן דעם פּראָפעסאָר

עקזאַמענס זיינען געווען אַזוי אויסגעצייכנט, אַז מען האָט אים אינגאַנצן באַפרייט פון די מינדלעכע עקזאַמענס — דער גרעסטער כבוד פאַר אַ סטודענט.

נאָך אַ פּאָר יאָר אין דער בערלינער אוניווערזיטעט זעצט ער פאָר זיין שטודיום אין דערווירצבורגער אוניווערזיטעט, אָבער ניט אויף דעם חשבון פון אידישע לימודים, און באַקומט דעם טיטול „דאָקטאָר דער פילאָזאָפיע" מיט דער העכסטער אויסצייכענונג.

ד"ר ראַזמאַרין הויבט דאַן אָן זיך צו באַטייליקן מיט צענדליקער אַרטיקלען וועגן תנ"כ'ישע פּערזענלעכקייטן אין דעם ליכט פון דער אגדה'שער ליטעראַטור אין דעם נייענטן און צענטן באַנד פון דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקאַ", וואָס איז דערשינען אין בערלין. צו גלייכער צייט שרייבט ער אויך אַרטיקלען אין דער דייטש־אידישער פּרעסע.

אין צווישן דערשיינט ד"ר ראַזמאַרין'ס וויסנשאַפטלעך ווערק „מאָזעס אים ליכטע דער אגדה", אַ ביאָגראַפיע פון משה רבינו, אין דייטש, באַזירט אויף תלמוד און מדרש. צענדליקער פאַך־געלערנטע האָבן וועגן דעם בוך געשריבן מיט די גרעסטע לויב גערזאַנגען. צווישן זיי:

פּראָפעסאָר בערנאַרד העלער פון בודאַפּעסט אין זיין רע־צענזיע אין דער „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע און וויסענשאַפט דעם יודענטומס", וואָס דער ברעסלויער ראַבינער סעמינאַר האָט אַרויסגעגעבן, שרייבט צווישן אַנדערעס: „. . . דורכאַאוס זעלבסט־שטענדיג, און פינדעט זעלבסט ביי (פּראָפעסאָר) לואיס גינצבורג מאַנכעס צו בעריכטיגען; איך האַבע איין דוצענד בעריכטונגען געציילט, די ער פאָרנעהמערווייזע נור אַלס פערבעסערונגען פאָן דרוקפעהלערן בעצייכנעט . . . "

פּראָפעסאָר שמואל קרויס וועלכער האָט געשריבן צוויי רעצענזיעס אין צוויי באַזונדערע וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן שרייבט אין Orientalni Ustav v Praze צווישן אַנדערעס, אין דייטש: „איינע ניצליכע אַרבייט געלייסטעט . . . עררייכטע פאָלשטענדיג־קייט . . . פאָרציגליכעס סיסטעם . . . דער פערפאַסער פאָרשטעהט זיינע קוועלן פאָרציגליך".

פּראָפעסאָר פּאָל פיעביג אין Theologische Literature Zeitung שרייבט צווישן אַנדערעס: „. . . איין בילד פאָן מאָזעס ענטשטאַנדען, דאַס פיעלעס אינטערעסאַנטע ביעטעט אונד איינע רייכע פונדגרובע דאַרשטעלט . . . "

עטלעכע ווערטער וועגן דעם פּראָפעסער

דער איזראַעליט: „. . . אונגעהויערע פלייסיגע אַרבייט . . . מאַן מוז דיעזעס שאַפען אַנערקענען . . . איינע אַבגערונדעטע ביאָגראַפיע דעם מאַזעס . . .״

איזראַעליטישעס פאַמיליענבלאַט: „. . . די ווערטפולע אַרבייט גיבט איין וואונדערפאַל בילד פאַן מאַזעס . . .״

פראַנקפורטער איזראַעליטישעס געמיינדעבלאַט: „. . . ערשטאַאונליכע פולע דעם מאַטעריאַלס . . . דאַס לעבען און שיקזאַל מאַזעס' איינדרוקספאַל געשילדערט . . .״

יידישע שולציימונג: „. . . דער געלעהרטע פערפאַסער, שעפּפענד אַאוס אונענדליך פיעלען קוועלען, האַט אונז . . . איין קלאַרעס בילד דעם לעהרערס געגעבען. די שפּראַכע רעכט פליסיג״.

יידיש-ליבעראַלע צייטונג: „. . . מיט גרויסער געלעהר-זאַמקייט איזט אַלעס . . . איבער מאַזעס . . . צו איינער איינהייט-ליכען ערצעהלונג צוזאַמענגעפאַסט וואָרדען . . .״

פּראָפעסאָר טשאַרלס סי. טאָררי: „אַ פּאָרזיכטיגע זאַמ-לונג . . . קלאָר און לייענבאַר . . . ניצליכע פוס-נאָטען . . . אַ פאָלשטענדיגע ביאָגראַפיע״.

פּראָפעסאָר ר. פּ. דאָהערטי: „זעהר פולשטענדיג . . . שטיצט די דיסקוסיעס און בעשלוסען מיט די ריכטיגע רעפערענצען״.

פּראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ (רב צעיר): אַ ווערטפולע ליסטונג.

פּראָפעסאָר משה שאַר, הויפט ראַבינער פון וואַרשע האָט געשריבן: „נמטיה אפריון לפועלא טבא״, *).

פּראָפעסאָר ישראל דאַווידזאָהן: . . . ערשעפּט אַלע קווע-לען אויף דעם געגענשטאַנד.

פּראָפעסאָר לואיס (לוי) גינצבורג: „. . . איר מאָזעס מאַכט אירעם דרוקער עהרע, אונד ווי איך אינען מינדליך זאַגטע 'תוכו כברו . . .'״

נחום סאָקאָלאָוו: אַ פיין בוך . . .

דר. סאַירעס (כורש) אַדלער: . . . אַ ווערטפול בוך.

דר. ה. ענעלאָו: . . . אַ וויסנשאַפטליכע ליסטונג . . . אינטערעסאַנט און אַנרייגענד.

---

*) זעט ענדע בבא מציעא.

עטלעכע ווערטער וועגן דעם פּראָפעסער

פּראָפעסאָר ש. י. פייגין פון דער שיקאַגאָר אוניווערזיטעט האָט אָנגעוויזן אין „הדאר" אַז דאָס ווערק דאַרף איבערגעזעצט ווערן אויף העברעאיש און געלערנט ווערן אין די שולן.

י. י. וואָהל האָט אָנגעוויזן אין „צוקונפט" צווישן אַנדערעס אַז „סטיליסטיש שטייט עס העכער אַפילו פון עדמונד פלעג'ס (באַוואוסטער פראַנצויזיש-אידישער שריפטשטעלער) בוך וועגן משה רבינו.

פּרץ ווערניק אין „מאָרגען זשורנאַל": „. . . אַ העכסט באַלערנד און אינטערעסאַנט אָנגעשריבן ווערק . . . "

דר. דזשאָרדזש אַלכסנדר קאָהוט: . . . אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. אויך סטיליסטיש איז עס אַ פיינער ביישטראַג.

ענלעכע רעצענזיעס זיינען דערשינען אין: זונטיקדיקער ניו יאָרק טיימס, אַמעריקען דזשוירנעל אָף סעמיטיק לענגוויטשעס ענד ליטעראַטור, דהי דזשוירנעל אָף רעלידזשאָן, דזשואיש קראָניקל (לאָנדאָן, ענגלאַנד), אוצר החיים (פּראַג), און אין אַנדערע וויסנ־שאַפטלעכע און אַלגעמיינע זשורנאַלן.

צוריק-קומענדיק אין אַמעריקע לאַדט דזשייקאָב דע-האַאַז איין ראַזמאַרין'ען אַלס מיטאַרבעטער פון דער „ענציקלאָפּעדיע אָף דזשואיש נאָלעדזש", וואָס ער האָט אַרויסגעגיבן. צו גלייכער צייט הויבן אָן דערשיינען ד"ר ראַזמאַרין'ס אַרטיקלען אין די אידישע טעגלעכע ציימונגען, וועכנטלעכע, מאָנאַטלעכע זשורנאַלן אין אַמעריקע, קאַנאַדע און זיד-אַמעריקע, אין מאַנכע העברעאישע אויסלענדישע צייטונגען, און אין כמעט אַלע ענגליש-אידישע זשורנאַלן. פילע פון זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט דעם באַרימטן קאָלום „פראַגן און ענטפערס", וואָס איז דערשינען יעדער טאָג אין „מאָרגען זשורנאַל", און מיט דעם וועכנטלעכן אַרטיקל „לכבוד שבת" אין „אַמעריקאַנער", אויף דער סדרה פון דער וואָך.

באַהערשנדיק דאָס געוואַלדיק ברייטע מדרש געביט, פאַר-ענדיקט ראַזמאַרין אינצווישן אַ ווערק אין העברעאיש, וואָס באַהאַנדלט יעדע תנ"כ'ישע פּערזענלעכקייט, פּאַסירונג און מאָטיוו אין דעם ליכט פון דער אגדה-ליטעראַטור. דאָס איז אַ קאָלאָסאַל ווערק וואָס וועט אַנטהאַלטן פילע גרויסע בענדער. אויסער דעם האָט ער פאַרטיק אַן ענגלישע איבערזעצונג פון רש"י אויף תורה, וואָס אַנטהאַלט אויך פילע אייגענע חידושים, און נאָך אַנדערע וויסנשאַפטלעכע כתבי יד, מאַנוסקריפּטן.

עטלעכע ווערטער וועגן דעם פּראָפעסאָר

ד"ר ראָזמאַרין, וועלכער איז אגב אַ מוסמך, אָבער וויל ניט אָננעמען אַ רבנישע שטעלע, איז ניט גלאַט אַ בוך-וואָרעם. ער איז נישט פון יענע געלערנטע וועלכע לעבן זיך אוים אין די אַלטע עפּאָכעס פון זייערע ספּעציעלע געביטן. זיין ספּעציאַליטעט איז טאַקע די אגדה'שע ליטעראַטור, אין וועלכער ער איז ממש פאַרליבט. ער איז איבערצייגט אַז ווען די ברייטע אידישע מאַסן זאָלן זיין באַקאַנט מיט אונזער מדרש-ליטעראַטור, באַזונדערס מיט איר עטישן טייל, וואָלטן פילע פון אונז היינט צו טאָג געווען שטאָלצערע אידן. אָבער אין דער זעלבער צייט נעמט ער אַן אַקטיוון אַנטייל אין די אידישע קעגנוואַרטיקע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

זייענדיק אַ הייסער אַנהענגער פון אַ רעליגיעז ארץ ישראל, האָט ער פאַרעפנטליכט אין דער ענגליש-אידישער פּרעסע „אַן אָפענעם בריוו צו ענגלאַנד", ווען די פּיל-קאָמיסיע האָט פאָר-געשלאָגן איר טרויעריק באַרימטן חלוקה-פּלאַן. קיין קלענערע ווי לאָיד דזשאָרדזש, לאָרד מעלטשעט, לאָרד סעמועל, דער דעמאָל-טיקער קאָלאָניאַל מיניסטער אָרמסבי גאָר, דער אַרטשבישאָפּ פון קענטערבורי, דער סעקרעטאָר פון דער „ליג אָף ניישאָנס", דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע, און אַנדערע, האָבן אים געשריבן אַז זיי האָבן „שטודירט" זיין אַרטיקל. מאַדאַם פּיל, די פרוי פון לאָרד פּיל, פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, האָט אים געשריבן, אַז דער לאָרד וועט שטודירן דעם אַרטיקל אַזוי שנעל ווי ער וועט אויפשטיין פונעם קראַנקן בעט, אָבער ווי באַוואוסט איז ער געשטאָרבן.

ד"ר ראָזמאַרין איז אַ הייסער קעמפער פאַר אַ שטאַרק רעליגיעז-נאַציאָנאַל אידישקייט. זיין איבערצייגונג איז אַז ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל פירן אַ שטרענג רעליגיעז לעבן פּראַקטיש, און זיין באַקאַנט מיט די רעליגיעזע לערעס פון דעם אידנטום, וואָלט דאָס געדינט אַלס בעסטער שוץ פאַר אונזער עקזיסטענץ אַלס אידיש פאָלק און גלייכצייטיק אַלס שטאַרקסטע וואָפן קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען. זיין שיטה איז אַז אַ אידיש לעבן געבויט אויף אַ פּאָזיטיוון, רעליגיעזן פונדאַמענט איז דער שטאַרקסטער פּאַנצער קעגן אונזערע אינערע און אויסערע קעגנער. זיין אַנשויאונג איז, אַז אַ אידיש לעבן וואָס איז ניט דער רעזולטאַט פון דער נאָבעלער, פּאָזיטיווער אידעאָלאָגיע פון אידישקייט, אַ אידישקייט וואָס רוט בלויז אויף „קעגן-אַנטי-סעמיטיזם" אַנשטאַט אויף „פּאָר-אידישקייט", אַ אידישקייט וואָס שיילט זיך אַרויס פון פאַרפאָלגונגען, אַ אידישקייט וואָס איז אַ קינד פון קאָנצענטראַציע-לאַגער, אַזאַ אידישקייט איז אַן אומ-

נאָרמאַלע דערשיינונג, און איז במילא געפערלעך פאַר דער עקזיס־טענץ פון אונזער פאָלק אַלס אַ אידיש פאָלק.

אַט דאָס דערקלערט טאַקע פאַר וואָס ד״ר ראַזמאַרין איז פון די ערשטע קעגנער פון דער אַזוי־גערופענער „גוד־וויל״ באַוועגונג. זיין צוגאַנג איז אַ גאַנץ פּשוט׳ער, אָבער אַ געזונט־לאָגישער. זיין אַרגומענט איז אַז ווען אַ ראַבײַ „פּרעדיגט״ אין אַ קלויסטער און לאָדט איין זיינע „צאן קדשים״ אים צו הערן, האָט ער ניט דעם מוט צו ריידן וועגן דער שיינקייט פון אידישקייט. אַנשטאָט דעם זינגט ער לויב־געזאַנגען, אַז דער „אותו האיש״ איז געווען אַזוינס און אַזעלכעס. שפּעטער לאָדט דער ראַבײַ איין דעם גלח צו ריידן אין זיין סינאַגאָג. און יענער, פאַרשטייט זיך, האַלט אין איין באַווייזן, אַז „אותו האיש״ איז געווען אַ גרויסער נביא און אַ איד דערצו. די „צאן קדשים״ הערן סיי פון זייער ראַבײַ און סיי פון דעם גלח אַז „אותו האיש״ איז געווען איינס אין דער וועלט, איז צו וואָס גלויבן אין תורת משה און ווערן געיאָגט און געפּלאָגט. עס איז דאָך שוין בעסער צו גלויבן אין אים און זיין אַ מענטש מיט לייטן גלייך.

ד״ר ראַזמאַרין׳ס מוטיקער קאַמף קעגן „גוד־וויל״ איז געווען באַקאַנט פון זיין קאַמף קעגן שעכטערס סעמינאַר פאַר איינלאַדן „גוד־וויל״ גלחים און מיסיאָנערן. און ווען די סעמינאַר ראַבײַים האָבן אַרויסגעגעבן קעגן אים אַ פּאַמפלעט אין אידיש און העברעאיש, האָט, פאַרשטייט זיך, ראַזמאַרין געענטפערט מיט אַ פּאַמפלעט, וואָס ווימלט אגב מיט בקיאות, און אָנגעוויזן אַז זיי שלאָגן ניט אָפּ אפילו איינע פון זיינע באַשולדיגונגען.

אַלס רעזולטאַט פון זיין איבערצייגונג אַז נאָר אַ פונדאַ־מענטאַל פּאָזיטיוו־רעליגיעז־נאַציאָנאַל לעבן איז דאָס איינציקע מיטל פאַר אַ געזונטע און דויערהאַפטע אידישע עקזיסטענץ, און דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך באַקענען זיך מיט דער אידישער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, האָט ד״ר ראַזמאַרין אויף זיך גענומען צו פאַרעפנטלעכן אַ רייע ביכער אין אידיש, העברעאיש און ענגליש, וועלכע וועלן העלפן דעם לייענער זיך באַקענען מיט דער שיינקייט פון דער אידישער לערע און עטיק, א).

א) לעצטנס זיינען דערשינען ראַזמאַרין׳ס ווערק: „די שענהקייט פון אידענטום״ א׳ן אידיש, און Golden Rules אין ענגליש, וועלכע באַהאַנדלען אַזעלכע וויכטיקע טעמעס ווי: אמת און ליגן, אויפריכטיקייט און חנופה, לשון הרע, ליבשאַפט און פיינטשאַפט, רחמנות און גרויזאַמקייט, גמילות חסדים און פרעצענט, צדקה, פאַרגינען און מקנא זיין, אַכטן און באַליידיגן, באַשיידנקייט און חוצפה, געדולד און אויפרעגונג.

עטלעכע ווערטער וועגן דעם פּראָפעסאָר

און זאָל דאָ צוגעגעבן ווערן אַז אַ פאָלק וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַזאַ נאָבעלע, עטישע לערע נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען די היינטיקע אַזוי-גערופענע ציוויליזירטע פעלקער זיינען נאָך געווען ווילדע באַרבאַרן, אַזאַ פאָלק מוז און וועט ענדלעך זיגן איבער אַלע זיינע אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים. אַזאַ פאָלק, ווי ישראל סבא, וועט זיכער איבערלעבן זיינע איצטיקע שונאים, פונקט ווי עס האָט איבערגעלעבט זיינע המן'ס, היטלערס. וואָרום, אַן אינטענסיוו-רעליגיעז אידיש לעבן, טעאָרעטיש און פּראַקטיש, באַזירט אויף תורה, נביאים, תלמוד, מדרש, ראשונים און אחרונים און אידישער עטיק, איז די שטאַרקסטע און בעסטע גאַראַנטיע פאַר אַ געזונטע, דויערהאַפטע עקזיסטענץ פון דעם אידישן פאָלק אַלס אַ אידיש פאָלק.

אייניקייט און צעשפּליטערטקייט, בילדונג און איגנאָראַנץ, לערערס און פירערס, אַרבעט, אַרבעטערס און אַרבעטס גיבערס, דער סטאַטוס פון דער אידישער פרוי, דעמאָקראַטיע, קריג און פרידן.

„לכבוד שבת";

„געדאַנק און חכמה";

„אהרן ראָזמאַרין'ס תנ"כ-ענציקלאָפּעדיע", פּערזענלעכקייטן, צוויי בענדער;

„אברהם אבינו'ס לעבן און שאַפונג", די סאַמע ערשטע און איינציקע פולשטענדיקע ביאָגראַפיע פון דעם פאָטער פון דעם אידישן פאָלק;

„משה רבינו'ס לעבן און שאַפונג", די סאַמע ערשטע און איינציקע פולשטענדיקע ביאָגראַפיע פון משה רבינו;

„אַן ענטפער" (צו דער פּאָלעמיק אַרום דעם אידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר);

„מאָזעס אים ליכטע דער אגדה" [אין דייטש].

"Do You Know This One?".

פראַגעס און ענטפערס פאַר אינג און אַלט.

ד"ר ראָזמאַרין האָט געגרינדעט דעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דהי דזשואיש ספּעקטייטאָר" וועלכן ער האָט רעדאַקטירט אַ צענדליק יאָרן. ער האָט אויך געגרינדעט די וואָכנצייטונג „דער איד" וועלכע איז געוואָרן באַרימט דורך זיין קעמפן פאַר אַ רעליגיעז אידיש לעבן אין אַמעריקא, און פאַר אַן ארץ ישראל על פי תורת ישראל, זי רעדאַקטירט דריי יאָר, ביז זי איז איבער געגאַנגען אין אַנדערע הענט.

ד"ר ראָזמאַרין פירט אָן מיט אַ וואָכנטלאַכן פּראָגראַם פראַגעס און ענטפערס אויף דער אידישער ראַדיאָ, WEVD און מיט דער „אום פּאַבלישינג קאָמפּאַני" וועלאַכע האָט שוין אַרויס געגיבן עטליכע צענדליק וויכטיקע ספרים און ביכער.

ביכער פון דר. אהרן ראזמארין

געדאנק און חכמה

טייטשט אויס אַלע סדרות פון אַ גאַנץ יאָר, ווי אויך די קריאה פון מאַנכע ימים טובים. דאָס בוך איז פול מיט אינטערעסאַנטע מדרשים, מאמרי חז״ל, משלים פון גדולים, עפּיזאָדען פון באַרימטע פּערזענליכקייטען, שאַרפזיניגע ווערטלאַך.

פּרייז $5.00 — פּאָסטגעלד 20 סענט.

* * *

אַן ענטפער

(צו דער פּאָלעמיק ארום דעם אידישען טעאָלאָגישען סעמינאַר).

* * *

GOLDEN RULES

CONTENTS : *Fundamentals in Judaism, Truth and Falsehood, Sincerity and Flattery, Love and Hatred, Compassion and Cruelty, Free Loans and Usury, Envy and Contentment, Respect and Contempt, Meekness and Arrogance, Patience and Impatience, Unity and Discord, Erudition and Ignorance, Teachers and Leaders, Employer and Employee, The Status of the Jewish Woman, Strife and Peace, Democracy.*

This authoritative, informative, yet popular presentation of the teachings of Jewish ethics shows how the Jew has acted, and how he should act, according to the precepts of Judaism. It convinces the reader that a strictly religious life plus knowledge of the religious and ethical teachings of Judaism would best protect the existence of the Jews as a Jewish people and would simultaneously serve as an impregnable fortress against antisemitism in its multifarious forms and shades.

* * *

DO YOU KNOW THIS ONE?

The Jewish Quiz Book For Old And Young.

* * *

MOSES IN LICHTE DER AGADA

...erreichte Vollstaendigkeit.

—Prof. Samuel Kraus

...ein widerspruchlos einheitliches Bild von Moses.

—Prof. Bernard Heller

...eine reiche Fundgrube darstellt.

—Prof. Paul Fiebig

...An exhaustive study.

—New York Sunday Times

...Exhausted all sources on the subject.

—Prof. Israel Davidson

...A valuable contribution.

—Prof. Ch. Tchernowitz

OM PUBLISHING CO.

22 Ludlow St., New York 2, N. Y.
Tel.: ALgonquin 4-6087